# קהלתינו

נייעס, באריכטן, און ארטיקלען מהנעשה ונשמע אינערהאלב קהלתינו הק'

בס"ד

גליון שני | ניסן תשע"א


*בונים היכל לה' אלקי ישראל!*

## ענדגילטיגע בוי-פלענער פונעם פראכטפולן בית הגדול והקדוש, צענטראלער ביהמ"ד "ישמח משה" אין "שכונת ברך משה" ווערט פארענדיגט אין די טעג

**עסקני "ועד קרן הבנין" שטארק ערמוטיגט נאך אסיפה מיט ראשי קהלתינו הק' פארגאנגענעם זונטאג טהרה - אנהויב פון בוי-ארבעט באשטימט אויף נאך חג פסח בעז"ה**


זעה נייעס אויף זייט 26














בס"ד
פארפאסט נישט די לעצטע געלעגנהייט
צאלט אויס אייער באלאנס און געווינט דעם
קהלה פעקעדזש
($10,000 ווערט)
לכבוד פסח!
קומענדיגן זונטאג אחרי
$10,000
קהל יטב לב ד'סאטמאר
מעמבערשיפ קאמפיין
אם אין אני לי מי לי

# היסטארישע אסיפה אין שטוב פון כ"ק מרן רבינו שליט"א שטעלט אוועק קריטישע הלכה'דיגע יסודות פאר "חברא קדישא"

קרית יואל - פארגאנגענעם א' פקודי איז פארגעקומען א היסטארישע אסיפה אין שטוב פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, מיט דער באטייליגונג פון מערערע גדולי הרבנים פון גרעיטער ניו יארק, וואו עס זענען אויסגעארבעט געווארן קריטיש וויכטיגע יסודות אין הלכה וואס איז נוגע פאר די "חברא קדישא" אין פאל עס מאכט זיך ל"ע א בר מינן אום יו"ט, ס'זאל זיך נישט מאכן.

באמת איז שוין א לענגערע צייט וואס עס פאדערט זיך אהערצושטעלן קלארע יסודות אין דעם האקעלן ענין וויאזוי מ'דארף זיך אויפפירן אין אזוינע פעלער, און וואס א יאר ווערט ליידער אלס מער אקטועל די שאלה, אבער צוליב דרויסנדיגע אומשטענדן מיט די חברא קדישא און דעם בית החיים האט זיך עס לאנג געשלעפט, ואכמ"ל.

דער באגאבטער עסקן נמרץ הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו, סעקרעטאר פון די חברה קדישא דקהלתינו הק', האט אומאויפהערליך געארבעט שוין עטליכע יאר צו באקומען קלארע הוראות אין דעם ענין פון די גדולי הרבנים, און שליסליך איז פאריגן א' ויחי פארגעקומען די ערשטע אסיפה וועגן דעם ענין אין שטוב פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, מיט א געקליבענע צאל גדולי הרבנים, וואו מען האט ארויפגעלייגט אויפ'ן טיש אלע צדדים לכאן ולכאן פון יעדן אספעקט אין די הלכות החמורות.

ביי די אסיפה איז מען געבליבן אז מ'וועט זיך צוזאמקומען נאכאמאל אין 2 חדשים ארום, און אינצווישן וועט מען מברר זיין אלע שאלות און ספיקות וואס זענען אויפגעברענגט געווארן, סיי וואס איז נוגע דעם מציאות און סיי בעניני הלכה. ספעציעל האט הגה"צ הדומ"ץ שליט"א אפגעשריבן א לאנגן הפלא'דיגן בירור הלכה וואס נעמט אדורך דעם גאנצן ענין לאורכה ולרוחבה מיט אלע פרטים ודקדוקים.

אינצווישן האט כ"ק מרן רבינו שליט"א אפגעשטאט א קורצן בליץ באזוך אין ארה"ק נאך די געהויבענע נסיעה "בעבור אבותינו" צו די מקומות הקדושים אין סיגוט, און זייענדיג דארט האט דער רבי שליט"א זיך געטראפן מיט'ן פוסק הדור הגאון האדיר בעל

>> פארזעצונג אויף זייט 34

*פנים חדשות באו לכאן:*

# לעצטע פאזע פון הרחבת גבולי הקדושה און רענאוואציעס ביים ביהמ"ד "בית שמואל בנימין" אין פולן שוואונג

### ביהמ"ד ווערט דראסטיש אויסגעברייטערט צוליב גרויסן פלוס פון מתפללים כ"י - נייער מאיעסטעטישער אוצר הספרים - שפאגל נייער ווייבער שול וועט ברענגען שמחת יו"ט

בית שמואל בנימין, קרית יואל - מיט א שמחה דקדושה קוקן צו די פילע טעגליכע מתפללים ולומדים אין ביהמ"ד וויאזוי דער בית מקדש מעט ווערט אויסגעברייטערט און פארגרעסערט אויף נישט צום דערקענען, אויף א פארנעם וואס זאל קענען אקאמאדירן - דערווייל... - דעם שטארקן פלוס פון פרישע מתפללים וועלכע זענען זיך קובע מקום אין דעם הערליכן ביהמ"ד.

פאר די קביעות'דיגע באי בית המדרש איז בכלל נישט קיין וואונדער דער גוטער נאמען וואס דער ביהמ"ד האט זיך געשאפן אין די לעצטע צייטן, וואס שמו הטוב הולך למרחוק. די ערנסטקייט און געשמאקע אטמאספער וואס הערשט אינעם ביהמ"ד ציט צו זיך כסדר אלס מער און מער פון די ארומיגע איינוואוינער אז זיי זאלן זיך קומען קובע מקום זיין אינעם ביהמ"ד פאר אלע זייערע געברויכן, בפרט אין ליכט פונעם פאקט אז עס האלטן אין איין צוקומען פרישע תושבים אין די געגנט וועלכע ווערן צוגעצויגן צום בית המדרש.

ספעציעל זענען בארימט די געלונגענע שיעורים וואס ווערן פארגעלערנט יעדן דאנערשטאג נאכט דורך הרה"ג ר' משה טייטלבוים שליט"א, מו"ץ ומשפיע רוחני פונעם ביהמ"ד, וועלכער איז באקאנט אלס פה מפיק מרגליות און די רייכע שיעורים פארגעלערנט בטוב טעם ודעת זענען ווי א מאגנעט פאר צענדליגער בעלי בתים ואברכים וואך איין וואך אויס.

אזוי אויך ווערן כסדר אפגעראכטן כינוסים און מסיבות מרעים ביי פארשידענע געלעגנהייטן, א שטייגער ווי די געהויבענע יארצייט סעודה וואס איז אפגעראכטן געווארן דעם פארגאנגענעם כ"א אדר אין די יומא דהילולא פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, און וועלכע ברענגען א שטארקן בונד צווישן אלע מתפללים מיט אהבה ואחוה וריעות אויף א זעלטענעם פארנעם.

דער גוטער נאמען פונעם ביהמ"ד האט נישט פארשפעטיגט צו ברענגען פירות, און מיט א צייט צוריק האבן די ענערגישע גבאים פון ביהמ"ד זיך ארומגעזען אז דער מקום איז שוין צר מהכיל, ס'איז פשוט נישט מעגליך

>> פארזעצונג אויף זייט 34

# וויכטיגע זיצונג פון "מעמבערס קאמיטע" מיט'ן פרעזעדיום ברענגט גינסטיגע רעזולטאטן

קרית יואל - טראץ וואס מ'הערט אפשר נישט פון זיי יעדן מאנטאג און דאנערשטאג האבן די געטרייע עסקנים פון די "מעמבערס קאמיטע" זיך אריינגעווארפן פלייסיג אין די ארבעט אויסצופירן דעם שליחות וואס כל הקהל הקדוש האט אויף זיי ארויפגעלייגט.

במשך די פארלאפענע 2 מאנאטן זינט די קאמיטע איז אריין אין דינסט זענען די עסקנים געזעצן מיט מערערע חברי קהלתינו און אויסגעהערט זייערע פארלאנגען, וועלכע זענען אויפגענומען געווארן מיט דער פולער ערנסטקייט, און דערנאך זענען זיי געזעצן צווישן זיך און מטכס עצה געווען וויאזוי מ'קען באהאנדלען די פראבלעמען און פארלאנגען וועלכע זענען אויפגעברענגט געווארן פאר זיי.

אין ליכט פון די אינטענסיווע זיצונגען האבן זיי פארלאנגט זיך אראפצוזעצן אינאיינעם מיט'ן פרעזעדיום דקהלתינו הק', פאר וועמען זיי האבן אויפגעברענגט די פארלאנגען פון די קהלה מעמבערס, און אויסגעשמועסט זייערע פארשלאגן וויאזוי צו מסדר זיין דעם ענין על צד היותר טוב, וואס איז אויפגענומען געווארן גאר פאזיטיוו דורך די חשוב'ע פרעזעדיום מיטגלידער.

טייל פון די פארשלאגן זענען שוין איינגעפעדימט געווארן למעשה, און בעת די שורות ווערן געשריבן ארבעטן די קאמיטע מיטגלידער גאר פלייסיג דורכצופירן די נויטיגע פארלאנגען צו דער פולקאמער צופרידנהייט פון די קהלה מעמבערס.

*ילכו מחיל אל חיל.*

## אינהאלט:


- קורצע באריכטן ........................ 4
- אחד המיוחד מבני החבורה ........................ 5
- אם שמוע תשמעו ........................ 8
- וויכטיג פסח הלכות ........................ 10
- ימים מקדם - קהלת חאלאב ........................ 12
- רביה"ק ברך משה ראטעוועט קרית יואל ........ 21
- מצה בעקערי #2 ........................ 29
- עמודי התווך דקהלתינו הק' ........................ 33

# קורצע באריכטן

## מהנעשה ונשמע אינערהאלב קהלתינו הק'

- **אויסטערלישער געהויבענער יו"ט פורים במחיצת כ"ק מרן רבינו שליט"א**
  - געהויבענער טיש ליל פורים (מוצש"ק) פארצויגן ביז 3 פארטאגס
  - לאנגע רייען תושבי העיר קומען לברך ולהתברך במשך דעם גאנצן נאכמיטאג
  - 5 שעה משתה היין טיש מיט אויסטערלישע בחינות, געהויבענע ריקודין און התרגשות'דיגע געגועין לאזן איבער אומפארגעסליכן רושם
- **וויכטיגע שיעורים פאר פרישע יונגעלייט דורך "בית הוראה" לכבוד די פורים/פסח טעג גאר שטארקער סוקסעס**
  - הרה"ג ר' בנציון לאוב, חדר יצחק מארקאוויטש אין מבצר הכוללים
  - הרה"ג ר' דוד יצחק ווערצבערגער שיעורים בהל' טהרה פאר נייע קבוצה פון אברכי אדר ב'
  - הרה"ג ר' יוסף משה שטויבער, ג' אחרי בשעה 3 אחצ"ה, אין קאנפערענץ רום פון צענטראלע קהלי'שע אפיסעס
  - הרה"ג ר' נפתלי צבי קאהן, ג' אחרי בשעת 2:15, אין אלטן קהל'ס אפיס נעבן חדר הספרים אין ביהמ"ד הגדול
- **פייערליכע הכנסת ס"ת היינטיגן דאנערשטאג טהרה, דורך חשוב'ע משפחת ניישטאדט שיחיו, אין ביהמ"ד הגדול**
- **ארייגעלייגט נייע שוץ-טירן אין ארון הקודש פון ביהמ"ד הגדול צו באשיצן די ספרי תורה אין פאל פון א שריפה חלילה, געווארן מער אקטועל נאך די שריפה אנהייב ווינטער אין ביהמ"ד הגדול**
- **אינסטאלירט נייעם מייק סיסטעם אין "חדר אברהם יעקב", נדבת הרבני הנגיד ר' שלום יצחק וויינבערגער שליט"א**
- **אין די קומענדיגע טעג גייט מען ארייגלייגן נייע הערליכע סערעמיק סינקס נעבן די ביה"כ אויפ'ן פארטש פון ביהמ"ד הגדול, ווי אויך ביי די ביה"כ אויף צפונית-מזרחית**
- **געהויבענע שמחות בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א**
  - התרוממות'דיגער שבת שקלים/שבת באווארפן פון בן הגה"צ רב ביהמ"ד אבני צדק שליט"א, אינאיינעם מיט קידושא רבא להולדת בת הגה"צ רב ביהמ"ד ישמח משה שליט"א
  - הונדערטער תושבי קרית יואל ביי גרויסע חתונה ב' ויקרא אין בית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג, ספעציעלע אנוועזנהייט פון מתפללי ביהמ"ד אבני צדק געקומען זיך פרייען בשמחת פון זייער באליבטן רב
  - דאנערשטאג ויקרא שבע ברכות פאר שובי"ם פון בית השחיטה המהודרת און אין טעקסאס בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווארימע דברי חיזוק והתעוררות פון רבי'ן פאר די שובי"ם
  - לעצטע שבע ברכות אין ביהמ"ד אבני צדק, א' צַו תיכף נאך מעריב, דברות קודש פון כ"ק רבינו שליט"א, דברי תורה פון רב שליט"א און מחותן הגה"צ אב"ד טשאקעווע, דברי ברכה פון הר"ר אנשיל קארפען הי"ו, טאלאנטפולע בדחנות דורך הר"ר אברהם מרדכי מלאך , הערליכע פארשטעלונג דורך הר"ר בעריש פעלדמאן און הר"ר יואל אפעל
- **טויזנטער דאלארן ווערד מצה שוין אויסגעטיילט דורך "מעות חיטין" דקהלתינו הק', העפטיגער קאמפיין צו איינקאסירן די "מעות חיטין" התחייבות**
- **גרויס התרגשות ביי מעמד אמירת תהלים דורך הונדערטער תשב"ר אין ביהמ"ד הגדול תענית אסתר נאכמיטאג**
- **וכך מעשהו פורים צופרי ביים הארציגן יערליכן מעמד "אילת השחר" אין היכל השולחנות אין בנין מבצר הכוללים, אנגעפירט דורכ'ן אימערמידליכן עסקן הר"ר אברהם שמואל פריעדלענדער, תפילת שחרית שפאלט הימלען, בעל קורא מומחה הר"ר יחיאל ישראל ברוך עקשטיין ליינט די מגילה**
- **אויך אין ביהמ"ד אבני צדק גרויס התעוררות ביי אמירת תהלים דורך תשב"ר, דורך חשוב'ע עסקנים האחים הר"ר משה הערש און הר"ר יואל האלפערט מיט הר"ר יצחק יושע קארנבלי**
- **נייע סיסטעם פון חברה משניות צוצושטעלן פאר יעדן צו לערנען לויט זיין סדר אויפגענומען מיט געוואלדיגער צופרידנהייט**
- **פאראכטן די פענסטער אין ווייבער שול אין ביהמ"ד אהל פיגא לטובת די מתפללים**
- **"והשתיה כדת" קאמפיין פאר אדר ב' דעפיציט דורך ועד הקאווע פון אהל פיגא אריבער מיט שטארקן סוקסעס, בודזשעט היי יאר פון $23,000 - מ'קען זיך איינשרייבן אין זייער לוח פאר יארצייט אדער שמחה (בר מצוה, אפשערן, חתונה) און מ'וועט זיך דאן פארבינדן און ארויפלייגן מז"ט אדער לע"נ**
- **הנהלה פון קהל יטב לב ד'סאטמאר אנטווערפן האלט אפ וויכטיגע באראטונג מיט זייער אינזשעניר פאר פלענער פון די נארוואס-געעפנטע הערליכע שוהל - אין צענטראלע אפיס דקהלתינו הק'...**
  - זיצן אויך מיט הרה"ח ר' אברהם יושע ווערצבערגער משמש ושותפו הרה"ח ר' אביגדור ראזענבערג צו געניסן פון זייער לאנגיאריגער ערפארונג אין בויען, ספעציעל אין מקואות
- **ארייגעלייגט נייע מיטערס אין בנין מבצר הכוללים אפצוטיילן די הוצאות צווישן די מערערע משתמשים פונעם בנין**
- **גרויסארטיגער "רב חסד" קאמפיין אין פולן שוואונג צו קענען העלפן מערערע משפחות ארייגברענגען דעם יו"ט בדרך כבוד**

---

# לומדי'שער "הלכה למעשה" שיעור פון הגה"צ הדומ"ץ שליט"א הייבט אן שטארקע התחדשות

## זונטאג נאך פסח, נייער פרק אין מס' כתובות

קרית יואל - שוין נאנט צו פערציג יאר וואס תושבי קרית יואל האבן די זכיה צו נהנה זיין מזיו תורתו פון הגה"צ דער דיין שליט"א, פונעם טאג וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט אים אויפגענומען לדון ולהורות פאר די גאנצע שטאט, און היינט איז פקיע שמי' אין די גאנצע וועלט אלס איינער פון די גדולי פוסקי דורינו.

אויסער די טויזנטער און טויזנטער שאלות וואס גייען דורך א יאר אין דעם באשיידענעם הוראה שטיבל פון דיין שליט"א, נוצן תושבי קרית יואל אויס די געלעגנהייט צו הערן מדברי תורתו פונעם דיין ביים טעגליכן שיעור וואס האלט שוין אן די גאנצע נאנט צו 40 יאר פון ווען דער דיין איז אויפגענומען געווארן דא אין די שטאט.

דער שיעור האט זיך ספעציעל בארימט געמאכט מיט זיין אייגנארטיגקייט, וויבאלד דער דיין שליט"א איז מקפיד אדורכצוגיין יעדע זאך הלכה בטעמיה, אנגעהויבן פון די גמרא אויסגעשמועסט מיט אלע פוסקים, ראשונים און אחרונים, ביז ארויסצונעמען הלכה למעשה אויף יעדן ענין. אין די קנאפע 40 מינוט פונעם שיעור וואס ווערט פארגעלערנט שטארק בדרך עיון ווארפט זיך דורך א געוואלדיגער בקיאות און חריפות, דירעקט געצילט פאר וועמען עס וויל גוט דורכאקערן א סוגיא און גרונטליך ארויסהאבן די הלכה מיט אלע מפרשים.

פרישע יונגעלייט בני תורה וועלכע זעצן זיך צו צום שיעור דערציילן אז עס דערמאנט זיי פון די בחור'ישע יארן און די טיפע שיעורים צו וואס זיי זענען געוואוינט פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט, עפעס וואס א בעה"ב קען כמעט נישט טרעפן פאר זיך.

דעם פארלאפענעם ווינטער האט מען ביים שיעור דורכגעלערנט די ערשטע העלפט פון מס' כתובות, וואו עס איז מערערע מאל אויסגעקומען אויסצושמועסן מערערע הלכות וועלכע זענען נוגע הלכה למעשה. ווי צב"ש די שאלה אויב א פרוי וואס פארדינט געלט צי זי מעג אוועקגעבן דאס געלט פאר צדקה; וואס טוט זיך מיט געלט וואס א פרוי ברענגט אריין פון פאר די חתונה; די הלכות פון שבע ברכות פאר א גרוש; אא"וו אינטערעסאנטע נושאים וועלכע שלעפן אריין די צוהערער עמוק אין עולם התורה.

אבער טאקע ווייל דער שיעור איז דירעקט אהערגעשטעלט אויף א טיפן צוגאנג, איז שווער זיך מיטצוכאפן פאר עמיצן וואס האט נישט מיטגעהאלטן דעם שיעור פון אנהייב, דעריבער טוען מיר יעצט מבשר זיין די בשורה טובה אז עס מאכט זיך א פרישע געלעגנהייט פאר שוחרי תורה.

קומענדיגן זונטאג אמור, כ"ז ניסן, וועט מען אנהייבן בע"ה א נייעם פרק, פרק הכותב, ביים טעגליכן שיעור וואס קומט פאר צווישן 8:30 און 9:10 פונקטליך אין חדר שמואל בנימין אין ביהמ"ד הגדול, און ס'איז יעצט א גלענצנדע געלעגנהייט פאר וועמען עס זוכט דוקא אזא סארט שיעור זיך צו קענען מיטכאפן, וויבאלד מ'הייבט יעצט אן א פרישן פרק און א נייעם ענין וואס האט נישט קיין המשך מיט די ביז יעצטיגע לימודים.

טעמו וראו כי טוב.

# קהלתינו

נייעס, באריכטן, און ארטיקלען מהנעשה ונשמע אינערהאלב קהלתינו הק׳

קהל יטב לב ד׳סאטמאר
נתייסדה ע״י רבינו הגה״ק מהר״י ט״ב זצוקללה״ה
בשנת תש״ח
בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק שליט״א

**מ׳קען שיקן הערות און קאמענטארן צו**
**Cong. Yetev Lev - 16 Garfield Rd. Monroe, NY 10950**
**אדער קען מען אריינרופן 854.774.4040 #105**

**דער "קהלתינו" ווערט ארויסגעשיקט אויסשליסליך נאר פאר מעמבערס דקהלתינו הקדושה**

## אחד המיוחד מבני החבורה

אינאיינעם מיט אלע תושבי קרית יואל מוזן מיר ארויסברענגען אונזער טיפער צער און ווייטאג אויף דעם געוואלדיגן פארלוסט וואס די גאנצע שטאט בפרט, און תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל, האבן געליטן מיט די פריצייטיגע פטירה פון הרה"ח המפורסם ר׳ דוד לייב גרינפעלד ז"ל.

עס איז גענוג צו כאפן א בליק אויף די אומצאליגע ניחום אבלים מעלדונגען וועלכע זענען ערשינען אין די פארלאפענע וואכן זינט ר׳ דוד לייב איז פון אונז אוועקגעריסן געווארן צו האבן א שטיקל אנונג אויף דעם זעלטן-רייכן לעבן וואס ער האט געפירט, אזוי באשיידן, אן קיין שום פרסום אדער כבוד, און ווי ער האט ארויסגעהאלפן אידישע קינדער אויף אומצאליגע וועגן.

נישט סתם ער האט געהאלפן. די ווערטער "אבל יחיד עשי לך" האבן פראמינענט פיגורירט אין כמעט יעדע אבילות מודעה, ווי אלע מוסדות וואלטן זיך אפגעשמועסט. מ׳האט געזען באשיינפערליך ווי יעדער איינציגער מוסד ווענען ער האט ארויסגעהאלפן האט באמת געשפירט אז ער איז דא בלויז זיי צו העלפן, ווי ער האט נישט קיין שום אנדערע אונטערנעמונג אדער פליכטן בלויז שטיין צו זייער רעכטע האנט.

אויך מיר דא אין די הנהלת הקהלה קענען זאגן דאס זעלבע. זייער אפט האבן מיר זוכה געווען צו געניסן פון זיינע אויסערגעווענליכע טאלאנטן. ספעציעל איז עס יעצט א דבר בעתו וואס עס שפירט זיך מורא׳דיג דער פארלוסט פון די פענאמענאלע ארבעט און די פאכמאנישע פאטענטן וואס ר׳ דוד לייב פלעגט אריינלייגן יאר איין יאר אויס אהערצושטעלן די מצה בעקעריי אויפ׳ן שענסטן פארנעם, אין די געביידע פון די ישיבה לצעירים וואס איז געשטאנען אונטער זיין אויפזיכט.

און דאס איז בלויז איין ביישפיל פון מערערע וואס מיר האבן גענאסן פון זיין עבודת הקודש.

למען האמת וואלט זיך אויך ביי אונז געפאסט צו נוצן דאס ווארט "אבל יחיד עשי לך", אבער ווי מיר האבן זיך איבערצייגט זענען מיר ווייט נישט געווען קיין יחידים... דעריבער קענען מיר זיך בלויז מצרף זיין אינאיינעם מיט כלל ישראל צו באוויינען די גרויסע אבידה.

מ׳קען זאגן גאנץ קלאר: ר׳ דוד לייב מחייב את העסקנים! און זאל זיין זכרון דינען אלס אנווייז פאר אלע חברי קהלתינו וויאזוי א איד קען זיך אוועקגעבן פאר אזויפיל צוועקן, אלעס שלא על מנת לקבל פרס.

ובלע המות לנצח בביאת דוד מלכא משיחא, בב"א.

# מחַיל אל חָיל

### מיר קענען נישט איינשלאפן!

נ. לאוב

בעת דער "קהלתינו" גייט צום דרוק, קומט פאר א שטורמישע דעבאטע אין די פאליטישע וועלט איבער די בעפארשטייענדע מעגליכקייט אז די פעדעראלע רעגירונג זאל זיך אפשפארן צוליב א בודזשעט געפעכט צווישן די צוויי גרויסע פארטייען אין אמעריקע.

די פונקטליכע דעטאלן פונעם געפעכט זענען נישט אינטערעסאנט אויפ׳ן מאמענט, אויף וואס ס׳איז יא ווערד זיך אפצושטעלן איז דער שווארצער בילד וואס די מידיא מאלט אראפ, וואס ס׳וועט אלס פאסירן אויב די רעגירונג פון די רייכסטע לאנד אין דער וועלט כאפט א דרימל פאר ווער ווייסט ווי לאנג. ס׳וועט שאטן פאר מיליאנען מענטשן און קען ערנסט אפעקטירן די האקעלע עקאנאמיע.

ביים מיטהאלטן די נייעס פונדערווייטנס קענען מיר אבער זאגן מיט א פולן מויל "ברוך הוא אלקינו שהבדילנו מן התועים".

ביים גוי איז נישט פאראן דער מין באגריף ווי גמילות חסדים. יא, צדקה ארגאניזאציעס זענען פאראן אינגרויסן, אויך הילפס ארגאניזאציעס עקזיסטירן, אבער ווען מ׳קריכט זיי אריין אין די קישקעס זעט מען קלאר ווי יעדער פון זיי האט זיך זיין פריוואטע אגענדע און באהאלטענעם ציהל. ס׳איז נישטא דארט אזא מין זאך ווי חסד של אמת, פשוט אריינכאפן א מצוה ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, דער נאטורליכער "רחמנים ביישנים וגומלי חסדים" איז דארט אינגאנצן נישט קיין ארטיקל.

סתם אזוי ווערט עס גוט פארשלייערט און פארדעקט. דער גוי, ספעציעל דער אמעריקאנער גוי, בארימט זיך אלעמאל מיט זיין ׳גוט הארץ׳ און זיין גרייטקייט צו העלפן פאר אנדערע, אבער דוקא אין שווערע צייטן קומט ארויס דער מענטש מיט אלע זיינע קאלירן, ווי חז"ל האבן שוין געזאגט טויזנטער יארן צוריק "אדם ניכר בכיסו בכוסו ובכעסו". אויב ס׳רירט זיין טאש איז ער גרייט צו שלאגן כפרות מיט די גאנצע וועלט, גאנץ אמעריקע זאל אונטערגיין אבער זיין טאש זאל מען נישט צורירן.

אממערסטנס קומט עס ארויס ביים אופן וויאזוי מ׳האלט אויס די קריטיש וויכטיגע רעגירונג׳ס סערוויסעס. ביי זיי איז נישטא אזא זאך ווי קיין עסקנות, קיין נדבות לשם נדבה, יעדע זאך טראכט ער נאר וואס ער וועט פארדינען פון דעם. ווען נישט די פאליציי און די איי-אר-עס וואס קאסירט איין שטייערן מיט געוואלד וואלט די רעגירונג שוין לאנג געווען אונטער שלאס און ריגל.

להבדיל אלף אלפי הבדלות ביי אידישע קינדער קען אזוינס נישט פאסירן, ישראל קדושים הם נתבעים ונותנים. אפילו אין די ביטער שווערע עקאנאמישע צייטן לאזן זיך אידן קאסטן מיליאנען דאלארן פאר צדקה וחסד. אדרבא, פון אלע צדקה קאסעס הערט מען אז דוקא יעצט שטרענגען זיך אידן אן מער ווי סיי ווען אימער, וויסנדיג אז די גרעסערע נדבות זענען כמעט ווי פארשווינדן און מ׳מוז אנקומען צום פרוטה ופרוטה מצטרפת.

בעזרת ה׳ האט זיך דאס זעלבע ארויסגעשטעלט אויך ביי אונז אין קהל יטב לב ד׳סאטמאר. טראץ וואס די קהילה האט נישט קיין דרוק מאשין און קען נישט דרוקן געלט ווען ס׳פאלט איר ביי, אזוי אויך איז ביי איר נישט מעגליך אנצוזאמלען די ריזיגע דעפיציטן און חובות וואס די אמעריקאנער רעגירונג קען זיך ערלויבן, פארט שטרענגען זיך אן די ראשי הקהלה למעלה מכוחותם אז די קהלה זאלן ווייטער אנגיין ווי געהעריג.

אזוי אויך האט מען געזען ווי די געטרייע חברי קהלתינו האבן זיך אנגעשטרענגט ארויסצוהעלפן די קהל׳ישע קאסע פון איר שווערן פינאנציעלן קלעם. סיי דורך אויסצאלן דעם דיוס און די אנדערע התחייבות, און אויך דורך באשטייערן נדבת לבם פאר אלע קהל׳ישע פיליאלעס, וואס איז דאך נאך אלעם אויך א טייל פון די קהל׳ישע קאסע.

אדאנק די געוואלדיגע הילף האט מען באוויזן עטוואס צו אפאטעמען, כאטש צייטווייליג, צו קענען זיך א משהו באפרייען פון דעם שווערן חובות לאסט און אנצוהייבן קוקן אויף ווייטער ארויפצוברענגען די קהלה אויף אלע אירע פיליאלעס מעלה מעלה ביתר שאת ויתר עוז, ווי איר באגעגנט אויף די שפאלטן פונעם "קהלתינו".

פון די אנדערע זייט איז דער מצב נאך אלץ היפש ביטער. עס פארלאנגט זיך נאך ריזיגע סכומים צו קענען אין ארדענונג ברענגען די צענטראלע קאסע און אויך אהערשטעלן די אפטיילונגען פון קהל על מכונם ווי עס געהער צו זיין.

מיר זענען בטוח אז חברי קהלתינו וועלן אויך ווייטער שטיין צו די רעכטע האנט, ספעציעל דורך אויסצאלן אלע חובות וואס זיי זענען שולדיג פאר די קהלה, און אזוי ארויסהעלפן שטעלן די קהלה אויף די פיס צום בענעפיט פון אלע טויזנטער חברי הקהלה בפרט און תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל. נאך אלעם איז ביי אונז נישטא די ברירה פון צושפארן די טיר און זיך לייגן שלאפן...

כי עבודת הקודש עליהם, בכתף ישאו!

HISACHDES AVREICHEM
Congregation Yetev Lev
16 Garfield Rd. #102
Tel. (845) 783-3106 Fax. (845) 230-8677

שבת אחים
דקהל יטב לב דסאטמאר - קרית יואל

התאחדות אברכים
דקהל יטב לב דסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ביהמ"ד הגדול | ביהמ"ד אבני צדק | ביהמ"ד אהל פיגא | ביהמ"ד בית מרדכי | ביהמ"ד בית ברוך | ביהמ"ד עטרת זקנים | ביהמ"ד ברך משה | ביהמ"ד וויאל משה | ביהמ"ד דברי חיים | ביהמ"ד בית דוב | ביהמ"ד בית שמואל בנימין | ביהמ"ד קדושת יו"ט

# מודעה מושמחת לחג הפסח הבעל"ט

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן פאר תושבי קרית יואל שיחיו
אז אויפן פארלאנג פונעם חשובן ציבור איז אונז ב"ה געלונגען
מסדר צו זיין אַ גאָר אויסטערליש און וויכטיגע מעמד

## ואת עמלינו אלו הבנים

וואס וועט פארקומען אי"ה

## יום א' דחוה"מ פסח הבעל"ט

די דרשה וועט געהערט ווערן דורך "שאלות-ותשובות", וואו דער שואל וועט פרעגן ברבים וויכטיגע שאלות איבער די יסודות'דיגע ענינים "בעניני חינוך" וואס מאכט זיך טעגליך אין א אידישע שטוב, און עטליכע אויסגערופענע חשובע מחנכים ומשפיעים פון חינוך, וועלן דאס אי"ה ברבים אויפן פלאץ ענטפערן מיט גרויס קלארקייט.

## זעלטענע געלעגנהייט !!!

אנבליק פון דעם גרויסארטיגן מעמד ווערט געגעבן די מעגליכקייט
צו קענען אריינגעבן 'שאלות' אין אלע "עניני החינוך" דורכן פעקס

**845-230-8677**

**ביז יום ב' פרשת אחרי - ז' ניסן הבעל"ט**

ויה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח להעלות קרן התורה בעירינו עד ביאת הגואל ומלכינו בראשינו בב"א

**ההנהלה**

# זעלטענע געלעגנהייט פאר נדבנים אפצוקויפן זכות הרבים פון גאר געלונגענע "שבת בשבתו" שיעורים

## איין גאנצע חודש פאר בלויז $500

קביעות עיתים לתורה, קרית יואל - ווי עס ווערט געמאלדן דורך די הנהלה פון "קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים" איז יעצט ארויפגעקומען א פאסיגע געלעגנהייט פאר נדבנים בעם צו קענען ספאנסארן פאר א צייט אפשניט פון א גאנצן חודש די בארימטע שיעורים "שבת בשבתו".

שוין א שיינע פאר יאר וואס עס קומען פאר די וועכנטליכע שיעורים תמידין כסדרן אינעם "חק שטיבל" אין ביהמ"ד הגדול יעדן שבת קודש צופרי, פון 8:30 ביז 9:30, וואו עס ווערן פארגעלערנט און אויסגעשמועסט יעדע וואך די וויכטיגע הלכות שבת, און פאר א יום טוב ווערט פארגעלערנט די הלכות פון יענעם יום טוב, מדי שבת בשבתו ומועד במועדו.

די שיעורים ווערן פארגעלערנט בטוב טעם ודעת דורך דעם מגיד מישרים נפלא הרה"ג ר' דוד יצחק ווערצבערגער שליט"א, וועלכער איז בארימט מיט זיין געוואלדיגן כח הסברה און ציענדער קראפט, ווי עס זאגן עדות די הונדערטער וועלכע האבן שוין געהאט די געלעגנהייט צו הערן די זיסע שיעורים, און ווי מ'זעט באשיינפערליך פון דעם גרויסן צאל קביעות'דיגע משתתפים וועלכע פארפאסן נישט קיין געלעגנהייט צו קענען מיטהאלטן די הערליכע שיעורים.

ביי די שיעורים זעט מעט אפט ווי עס אנטוויקלט זיך א ריתחא דאורייתא צווישן די לומדים, און ס'איז פשוט א נחת צוצוקוקן ווי די משתתפים ווערן ארייננעצויגן אין דעם שיעור מיט אלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים אזש זיי קענען זיך נישט אפרייסן.

מיט'ן לויף פון די יארן האט מען שוין אנגעיאגט גרונטליך אדורכצולערנען א גרויסן טייל פון הל' שבת דבר דבור על אופנו, אויסער די זייטיגע שיעורים וואו מ'האט געלערנט וויכטיגע הלכות פאר יעדן יו"ט וואס זענען נוגע פאר יענע טעג.

[דאס איז אויסער די שטארק אויפגעכאפטע שיעורים וועלכע ווערן פארגעלערנט דורכ'ן חשוב'ן מורה הוראה יעדע נאכט אין ביהמ"ד הגדול אין חדר דוד ארי', וואו עס ווערט אויך פארגעלערנט הל' שבת יעדן ליל שישי].

צו האבן א קליינעם בייַשפיל פון די בריליאנטן וועלכע וואלגערן זיך ביי די שיעורים וועט זיין אינטערעסאנט צו כאפן א בליק אויף די שאלות וועלכע ווערן ארויסגעלייגט אויף די וואנט יעדן ערב שבת.

בלויז פון איין וואך: צי מעג מען זיך אפוואשן מיטווארעם וואסער וועלכע זענען ארויסגעקומען שבת פון סינק וואס מ'האט געלאזט רינען פון ערב שבת? מעג מען זיך וואשן מיט ווארעם וואסער בין השמשות? מעג מען ארייננגיין אין א הייסע שטוב וואס וועט אים מאכן שוויצן? א פלאץ וואו ס'איז נישטא קיין עירוב מעג מען ארויסגיין מיט וואסער אויף זיך און/אדער די פיאות? מעג מען אנשמירן אויל אויף א פלאץ וואס די הויט איז אויסגעטריקנט אדער געשפאלטן? איז אנשמירן שיך פוץ און עס אויסגלאנצן דערנאך אן איסור מה"ת? מעג מען אפווישן שטויב פון די שיך אין שבת? מעג מען רייבן נייע שיך אז ס'זאל ווערן ווייך? מעג מען ארויפלייגן שיך אויף א פרעים וואס גראדט אויס די קנייטשן? לענסעס וואס זענען הארט געווארן מעג מען ארייגלייגן אין די ספעציעלע פליסיגקייט וואס מאכט עס ווייך?

אדער א ביישפיל פון הלכות וועלכע זענען געלערנט געווארן לכבוד פסח: ווען ער איז בודק חמץ אינדערהיים און דערנאך גייט ער אין געשעפט, דארף ער איבערמאכן די ברכה? ער האט פארגעסן צו בודק זיין איין צימער און זיך דערמאנט צופרי פאר שריפת חמץ, דארף ער איבערמאכן די ברכה? ווען ער שיקט איינעם וואס האט נישט געהערט די ברכה צו גיין ענדיגן דאס בודק זיין, דארף דער שליח איבערמאכן די ברכה? קען מען זיך פארלאזן אויף א פרוי אדער קינד וואס האבן בודק חמץ געווען? איז מען מחויב צו ענדיגן פריער ארבעטן כדי צו קענען אנקומען אהיים אנהייב נאכט פון בדיקת חמץ? וויאזוי איז מען יוצא די חובת הבדיקה אויף די לעדלעך אדער טאשן אין די קליידער? ווען מ'רוקט אוועק דעם פריזשידער אויסצורייניגן דעם חמץ, איז מען מחויב בודק צו זיין דארט מיט א לעכט פאר מ'רוקט צוריק דעם פריזשידער? וואו מ'קען נישט נוצן קיין לעכט מעג מען נוצן א פלעשליי"ט? איז מען מחויב בודק צו זיין ספרים און מעשה ביכלעך וואו ס'איז נאר דא ברעקלעך? וויפיל איז דער שיעור צו פארברענען אז מ'זאל קענען זאגן "כל חמירא"? דארף מען בודק חמץ זיין דעם פארטש? ווען זאל מען בודק זיין דעם ארבעטס פלאץ, און ווען איז דאס בעסטע צו בודק זיין די קאר? ווער דארף בודק זיין די האל פון אלע שכנים צוזאמען?

און אזוי ווייטער וואך איין וואך אויס.

יעצט ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאר די חשוב'ע נדיבים בעם צו קענען האבן א טייל אין דעם געוואלדיגן לימוד תורה דרבים דורך זיך משתתף זיין מיט דעם סכום פון בלויז $500, וואס אין אויסטויש באקומט מען דעם געוואלדיגן זכות פון אלע שיעורים וועלכע ווערן פארגעלערנט במשך א גאנצן חודש. פארשטייט זיך אז מ'קען עס אויסנוצן לכבוד א שמחה אדער פאר א יארצייט לעילוי הנשמה אד"ג.

זכות הרבים תלוי בכם.


מפעל
קביעות עתים לתורה
שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב - קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א
ביהמ"ד הגדול · ביהמ"ד אבני צדק · ביהמ"ד אהל פיגא · ביהמ"ד בית מרדכי · ביהמ"ד ישמח משה · ביהמ"ד בית ברוך · ביהמ"ד ברך משה · ביהמ"ד ויואל משה · ביהמ"ד דברי חיים · ביהמ"ד עטרת זקנים · ביהמ"ד בית דוב · בית שמואל בנימין
16 Garfield Road, Monroe, NY 10950 • 845-774-4040 #107

## מתנה טובה ושבת שמה

בשמחה רבה הננו להודיע אל קהל שוחרי התורה ולומדיה שעלה בידינו לסדר הזדמנות פז לכל מי שדבר ה' יקר ללבו שיוכל ליטול חלק בלימוד התורה דרבים באופן נשגב ונעלה ע"י החזקת השיעור הנפלא




בהל' שבת והלכות מועד במועדו שנלמד מדי שבוע בשבוע בבהירות נפלאה

## בשב"ק בבוקר
## בחק שטיבל

ועכשיו היכולת בידי כל אשר נדבה רוחו להביא את תרומת ה' לזכות ולזַכות את הרבים בזכות השיעורים הנפלאים

## בסך של $500 לחודש

וזכות החזקת התורה יעמוד לימינו ובכל אשר יפנה יצליח, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, וימלא ה' כל משאלות לבכם לטובה. אמן.




# מועדים וזמנים

## הגה"צ ר' **שמעון זאב מייזליש** שליט"א

רב דביהמ"ד ישמח משה שליט"א, חדב"נ

שיעור: שב"ק תזריע נאכמיטאג, ביהמ"ד ישמח משה

### ביאור נפלא אויפ'ן "דיינו"

ווי מיר האבן יעצט געזען וואס ס'ווערט אזוי שיין ארויסגעברענגט אינעם "גבורות ה' למהר"ל" אז דער גאנצער נס פון מצרים איז געווען דאס וואס דער אויבערשטער האט אויפגעהויבן די אידן צוביסלעך אלס העכער און העכער, ביז זיי זענען ארויפגעגאנגען העכער ווי די גאנצע טבע זעלבסט.

צו דעם דארף מען צולייגן די מורא'דיגע ווערטער פון "תוספות רי"ד", וועלכער איז מסביר דעם פסוק פון והי' כי ישאלך בנך, אז עס קען אמאל שווער ווערן א קשיא, וואס איז די גאנצע לויב צו השי"ת פאר'ן אונז אויסלייזן פון מצרים, ס'וואלט דאך לכאורה געווען בעסער אז מ'זאל אינגאנצן נישט דארפן דורכגיין דעם שווערן גלות מצרים?

איז ער מסביר אז דער שיעבוד האט גענוצט אויסצולייטערן דעם אידישן פאלק, מזכך ומטהר זיין, און זיי אזוי צוגרייטן צום מורא'דיגן מעמד פון הר סיני און קבלת התורה. וואלט נישט געווען דער "ועבדום וענו אותם", וואלט אויך נישט געקענט זיין דער "תעבדון את האלקים על ההר הזה".

מיט דעם קען מען זייער גוט ערקלערן דעם גאנצן פיוט פון "דיינו", וואס פילע מפרשים שטעלן זיך אויף פארשידענע זאכן וואס ווערן אויסגערעכנט דארט. אבער באמת איז דער "דיינו" נישט געצילט אויף יעדע זאך באזונדער אז ס'וואלט גענוג געווען למשל די שטראפן אויף די מצריים, אדער דער קרבנו לפני הר סיני, או"ו, אז דאס וואלט אונז געווען גענוג.

עס גייט ארויף אויף די גאנצע אלגעמיינע שיעבוד מצרים, אז דער גאנצער שיעבוד האט זיך שוין געלוינט נאר צו באקומען יעדן פון די זאכן וואס ווערן דא אויסגערעכנט. ס'האט זיך געלוינט די אלע צרות און יסורים צו באקומען אין די ענדע דעם "רכוש גדול", וואס אלע מפרשים זענען מסביר אז דאס איז די תוה"ק.

אן דעם וואלט מען נישט געקענט בויען דעם צווייטן בית המקדש!

## הרה"ג ר' **וואלף אהרן טעללער** שליט"א

שיעור: יום א' בשעה 11:00, חדר שמואל בנימין

### גוט דורכלערנען די הגדה פאר פסח קען זיין א מצות עשה דאורייתא!

לויט די ווערטער פון הייליגן בני יששכר אין "דרך פקודיך" (מצות עשה כ"א) אז די מצוה פון "והגדת את בנך ביום ההוא לאמר" מיינט צו זאגן אז די מצות עשה איז אריינצוגעבן אין די קינדער די מעשה פון סיפור יציאת מצרים אויף אן אופן וואס זיי זאלן עס קענען איבערזאגן פאר זייערע קינדער, "לאמר", עיי"ש.

און אזויווי דער מציאות באווייזט קלאר אז אויב מ'קוקט זיך נישט פאר געהעריג פאר פסח וואס צו זאגן ביים סדר נאכט קען דורכגיין דער גאנצער סדר אן געהעריג אריינגעגעבן אין די קינדער, איז אפילו מ'דערציילט דעם סיפור און מ'זאגט די הגדה גייט עס נישט גענוג אריין אין די ביינער אויף אן אופן וואס דאס קינד וועט עס קענען שפעטער איבערזאגן.

דעריבער איז א גרויסער חיוב אויפ'ן טאטן מ'זאל זיך גוט פארקוקן, כדי צו קענען פשוט דערציילן די הגדה מיט'ן גאנצן ערנסטקייט און ווארימקייט וואס זאל בלייבן אינעם קינד כל ימי חייו.

מפעל

**קביעות עתים לתורה**

שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב - קרית יואל

בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

ביהמ"ד הגדול | ביהמ"ד אבני צדק | ביהמ"ד אהל פיגא | ביהמ"ד בית מרדכי | ביהמ"ד ישמח משה | ביהמ"ד בית ברוך | ביהמ"ד ברך משה | ביהמ"ד ויואל משה | ביהמ"ד דברי חיים | ביהמ"ד עטרת זקנים | ביהמ"ד בית דוב | בית שמואל בנימין

16 Garfield Road, Monroe, NY 10950 • 845-774-4040 #107

# שיעורים כללים בהלכות פסח

**הננו להודיע שבשבוע הבעל"ט פרשת אחרי יתקיים שיעורים כללים בהלכות נחיצות הנוגע בפסח**

## יום ב' פרשת אחרי

## הלכות בדיקה וביטול

ע"י הרה"ג **נפתלי הערש קאהן** שליט"א

## יום ג' פרשת אחרי

## הלכות הגעלה

ע"י הרה"ג **יואל** בר"ק **קאהן** שליט"א

## יום ד' פרשת אחרי

## הלכות ליל הסדר

ע"י הרה"ג **דוד יצחק ווערצבערגער** שליט"א

## בערב - בשעה 8:30

## בחדר שמואל בנימין

**ההנהלה**

קהל יטב לב
ד'סאטמאר
קרית יואל יצ"ו

d Road. Monroe, NY 10950 Tel. (845) 774-4040 Fax. (845) 783-2684


# רני ושמחי ליעקב

בקול נעים גילת ורנן הננו
לשגר בזה מלא נבגי דברכתא בברכת
מזלא טבא וגדיא יאה אל מע"כ ידידינו היקר באנשים

**י**דיו רב לו עוסק בצרכי ציבור באמונה וגבורה
**ז**ה חלקו עמל בלי ליאות יומם ולילה כחשיכה כאורה
**ע**ומד לימין קהלתינו הקדושה בכל עת ועונה
**ו**יעש כן יעקב לטובת אלפי חברי קהלתינו בכל פינות שהוא פונה
**ק**ול תורה ותפילה בוקעת ועולה הולך וגדל
**ס**פר"י ספור"י מ"חדר שמואל בנימין" בבית מדרשינו הגדול
**ב**ונה בתי מדרשות ומקים עולה של תורה
**מ**קים ביהמ"ד "בית שמואל בנימין" לכבוד ולתפארה
**נ**גד אבותיו עשה ועושה לכבוד בית אבא
**א**ב ישמח ביוצא חלציו זיכה רבים וזכה בשמחה רבה
**י**מין עוז עומד לימין כ"ק רבינו שליט"א כל היום ולילה עמו
**נ**יהול הישיבה גדולה בעוז ותעצומות לא פג ריחו וטעמו

**הרבני הנגיד הנכבד המפואר הרב החסיד**

## כבוד מו"ה יעקב זוסמאן סופר הי"ו

חבר הנהלת המתיבתא הק'

**לרגל שהשמחה במעונו בנישואי בנו היקר מופלא ומופלג בתורה ויר"ש**

**כמר אברהם נתן נטע הי"ו**

מבחירי ישיבתינו הק'

**עב"ג בת הרה"ג מוהר"ר מאיר זאב שטערן שליט"א**

**ר"מ בישיבה לצעירים פה קרית יואל יע"א**

ויהא רעוא מן קדם שמיא שיבא על שכרו משלם, כי שכר שכרתיך ברב ברכות ושובע שמחות, הן בשולחן ערוכות, תורה וגדולה במקום אחד ויזכה עוד רבות בשנים להרבות פעלים לתורה ולתעודה להרמת קרן קהלתינו הק' על במתי התורה והיראה, עד ביאת הגואל ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו, בב"א.

**הנהלת הקהלה**


845.425.6566 | הקולמוס

# פארשידענע וויכטיגע הלכות

## צום בעפארשטייענדן יום טוב פסח

### צוגעשטעלט דורך: בית הוראה דקהל יטב לב ד'סאטמאר

והיו למראה עיניו של הגה"צ הדומ"ץ שליט"א

א) ווען מען ברענגט כלים צו כשר'ן דארף מען זייער געווארנט זיין אז מ'זאל נישט האבן גענוצט די כלים פאר הייסע זאכן אין די לעצטע 24 שעה פאר'ן כשר'ן[1].

ב) אויב מ'קען בשום אופן נישט זיין אינדערהיים צו בודק זיין אין צייט פון בדיקת חמץ קען מען ממנה זיין א שליח וואס זאל בודק זיין אנשטאט אים מיט א ברכה[2], און אויב ער טרעפט נישט קיין גדול וואס זאל בודק זיין אין צייט קען ער ממנה זיין די פרוי צו בודק זיין[3], אבער ער זאל אנזאגן אז מ'זאל זיך נישט פארלאזן אויף די ארבעט וואס זי האט גערייניגט בעפאר נאר מ'דארף מאכן א פרישע גרונטליכע בדיקה[4].

ג) אין פאל פון סעיף ב' איז אן עצה טובה אז מ'זאל זיך אויסנעמען מיט'ן שליח אז ער זאל איבערלאזן איין שטוב וואס ער זאל אינזין האבן נישט בודק צו זיין, און אזוי וועט ער קענען בודק זיין יענע שטוב מיט א ברכה ווען ער קומט אהיים[5]. אבער מ'זאל אפשמועסן א צייט מיט'ן שליח וואס אויב ער קומט נישט אן ביז דאן וועט דער שליח יא בודק זיין די אנדערע שטוב[6].

ד) אויב מ'דארף ארויסגיין אינמיטן בודק חמץ זיין זאל מען נישט מאכן די ברכה פון "אשר יצר" ביז נאכ'ן בודק זיין[7], אויסער אויב ער שאצט אז די בדיקה וועט נאך נעמען מער ווי א האלבע שעה[8].

ה) ס'איז כדאי אויב מעגליך צוווארטן מיט'ן פארברענען די חמץ ביז נאך סוף זמן וואס מ'קען עסן חמץ[9], אבער מ'קען פארברענען פון צופרי אנגעהויבן[10].

ו) מ'דארף זייער געווארנט זיין ביים באקן מצות, ספעציעל ערב פסח וואס ס'איז א גרויס געטומל, אז מ'זאל נישט לאזן שטיין די טייגל ליידיג קיין רגע נאר גוט אויסקנעטן, און נישט סתם רייבן פון אויבנאויף[11], און מ'דארף אויך אנזאגן די בחורים און יעדן וואס וועלגערט אד"ג אז ווען מ'מאכט "עיסוק" זאל מען שטארק אריינקנעטן אינעם טייגל מיט'ן גאנצן כח.

ז) ס'איז גוט אז דער בעה"ב זאל אליין אנגרייטן דעם סדר טיש, און וויינינגסטנס העלפן מיט'ן אנגרייטן[12]. [דער חתם סופר האט אליין אנגעגרייט בכל מיני הידור ובזריזות נפלאה ובשמחה עצומה][13].

ח) די היסב בעט זאל דער בעל הבית "נישט" אנגרייטן אליין[14].

ט) א קינד וואס פארשטייט נאכנישט ווען מ'דערציילט אים דעם סיפור יציאת מצרים מעג מען געבן צו עסן מצה א גאנצן טאג ערב פסח[15], אבער איינמאל ער פארשטייט די מעשה טאר ער שוין נישט עסן[16] אפילו אויב ער איז נאכנישט הגיע לחינוך.

י) ביים קויפן און אנגרייטן אד"ג דאס פלייש לכבוד פסח זאל מען נישט זאגן "די פלייש איז פאר פסח"[17], נאר "די פלייש איז פאר יום טוב"[18], אדער קען מען זאגן "די פלייש איז אויף פסח"[19]. בדיעבד אויב מ'האט געזאגט אזוי אויף בהמה פלייש זאל מען פרעגן א שאלה[20].

יא) פרויען דארפן זייער געווארנט זיין מיטצוהאלטן די הגדה ווי ווייט מעגליך, און נישט אנגרייטן די מאכלים פאר די סעודה אד"ג אינמיטן די הגדה[21].

1. כדי שלא יהי' בן יומו, מפני הרבה טעמים שאכ"מ, ובזה יכול למנוע כמה מכשולות
2. מג"א סי' תל"ב סק"ו
3. תשובות והנהגות ח"ב סי' רי"ד, דנשים בזמנינו טורחות במצוה יותר מאנשים ונאמנות
4. שם
5. תשובות והנהגות שם, ועיי"ש דלא הוי ברכה שאינה צריכה דצורך גדול הוא שיוכל לקיים המצוה בגופו ולברך עליו
6. שם, כדי שיוכל לעשות מלאכה (בהפ"מ ושעה"ד), דאל"כ עדיין חל עליו בדיקת אותו חדר
7. הגדש"פ אגודת אזוב, שאין להפסיק כמו בפסוד"ז
8. דלדעת הברכ"י (סי' ו') אין לברך ברכת אשר יצר אחר חצי שעה מעשיית צרכיו
9. הגדש"פ מועדים וזמנים הל' ביעור חמץ
10. בדיקת חמץ וביעורו פרק ז' סוס"ק כ"א שכן נראה מל' הרמ"א "וטוב לשורפו ביום" וכו', וע"ע במקור חיים סי' תמ"ה סק"ג
11. מג"א סי' תנ"ט סק"ד בשם מהרי"ו, ושם שאדרבא גרע טפי שמחממו בידיו
12. מורה באצבע להחיד"א סי' ר"ו
13. סידור חתם סופר
14. ויגד משה ע' ד'
15. שו"ע או"ח סי' תע"א ס"ב בהגה
16. מג"א שם סק"ז בשם תרוה"ד
17. שו"ע סי' תס"ט ס"א, דנראה כהקדיש בשר זה לפסח ואוכל קדשים בחוץ, ומדברי הפוסקים נראה שזה גם בלשונינו, עי' בשו"ע הרב שם ס"ג
18. שו"ע שם
19. מג"א סוסק"ב, דלשון זה לא נראה כהקדיש הבשר לפסח
20. כיון שהשו"ע הרב שם (במוסגר) חושש לדעת הב"ח במקום שאין הפסד מרובה ושעת הדחק
21. פלא יועץ ע' הגדה שעבירה היא בידן, ובפרט שלדעת רוה"פ הם חייבים במצות סיפור יצ"מ, ולהרבה פוסקים מה"ת

Cong. Yetev Lev
D'Satmar
Kiryas Joel

קהל יטב לב
ד'סאטמאר
קרית יואל יצ"ו

16 Garfield Road. Monroe, NY 10950 Tel. (845) 774-4040 Fax. (845) 783-2684

בס"ד

# סדר מכירת חמץ אצל הגה"צ הדומ"ץ שליט"א

## מוצש"ק פ' טהרה
משעה 10:30 עד 11:30 בבית הדומ"ץ

## יום ב' פ' אחרי
בבוקר משעה 8:00 עד 9:00 בבית המדרש "עטרת זקנים"

## יום ג' פ' אחרי
בבוקר משעה 8:00 עד 9:00 בבית המדרש "בית ברוך"
בבוקר משעה 9:00 עד 10:00 בבית המדרש הגדול
בערב משעה 7:00 עד 8:00 בבית המדרש הגדול
בערב משעה 8:00 עד 9:15 בבית מדרש "ברך משה"
בערב משעה 9:30 עד 10:30 "בשכונת ברך משה"

## יום ד' פ' אחרי
בבוקר משעה 7:30 עד 9:30 בבית המדרש "אוהל פיגא"
בבוקר משעה 8:00 עד 10:00 בבית המדרש הגדול
בערב משעה 7:00 עד 9:00 בבית המדרש הגדול
בערב משעה 8:00 עד 10:00 בבית המדרש "אבני צדק"

## יום ה' פ' אחרי
בבוקר משעה 7:30 עד 10:00 בבית המדרש "בית מרדכי (ת"ת)"
בבוקר משעה 8:00 עד 10:00 בבית המדרש הגדול
בערב משעה 7:00 עד 10:00 בבית המדרש הגדול

## יום ערש"ק פ' אחרי
בבוקר משעה 7:30 עד 10:30 בבית המדרש הגדול

## מוצש"ק פ' טהרה
משעה 10:30 עד 12:00 בבית המדרש הגדול

## יום א' פ' קדושים א'
בבוקר משעה 7:00 עד 11:00 בבית המדרש הגדול
אחצ"ה משעה 5:00 עד מעריב בבית מדרש הגדול

## ליל בדיקת חמץ
בערב משעה 10:30 עד 12:00 בבית המדרש הגדול

## ערב פסח
בבוקר משעה 7:30 עד 10:00 בבית המדרש הגדול

### די גלאררייכע היסטאריע פון:

# "קהילת חאלאב [ארם צובא]", סיריע

**א שוהל וואס איז געבויט געווארן דורך יואב בן צרויה • א קהלה וואס שטייט שוין נאנט צו דריי טויזנט יאר • אן ארון וואו ס'איז אפגעהיטן געווארן הונדערטער יארן א זעלטענער כתב יד וואס די גאנצע וועלט האט געוואלט זעהן, דער "כתר ארם צובא".**




מ.ב.

#1

***אריינפיר:***

*מיט דעם פאלגנדן ארטיקל פירן מיר אריין די סעריע פון "ימים מקדם: קהלות קדושות בישראל", וואו מיר וועלן בע"ה שילדערן אין גאר שפאנענדע און רייכע דעטאלן די היסטאריע פון קהלות קדושות ביי כלל ישראל, און וויאזוי דער כלל ישראל האט זיך געהאלטן אין לאנגן כמעט 2,000 יאריגן גלות בלויז מיט די הילף פון פעסט איינגעפונדעוועטע קהלות וועלכע זענען אנגעפירט געווארן דורך די גדולי ישראל אין יעדן דור.*

*מיר הייבן אן די סעריע מיט אן ארטיקל וועגן די אור-אלטע סירישע קהלה, וועלכע איז העכסטווארשיינליך די עלצטע קהלה וואס שטייט נאך ביז'ן היינטיגן טאג.*

בית ארזים פון דוד המלך, ירושלים - דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל איז שוין טאקע פעסט איינגעפונדעוועט, אידן זיצן שוין טאקע אין דעם לאנד פאר ארום פיר הונדערט און צען יאר, אבער זיי זענען נאך אלץ נישט געקומען אל המנוחה ואל הנחלה. דער משכן שילה איז שוין לאנג חרוב געווארן דורך די פלשתים, אויך דער משכן נוב איז שוין חרוב, און היינט קען מען נאר מקריב זיין קרבנות אין משכן גבעון. פארט קען נאך יעדער איינער אויך מקריב זיין קרבנות ביי זיך אין הויף אויף א "במה", וואס פארמינערט שטארק דעם כבוד ה'. אפגערעדט פונעם בזיון אז דער הייליגער ארון ברית ה', אין וועלכן עס געפינען זיך די סאמע שני לוחות הברית און וועלכער איז נארוואס אויסגעלייזט געווארן פון די פלשתים, געפינט זיך דערווייל אין א הויז אין קרית יערים אן דעם ריכטיגן כבוד וואס וואלט געהערט דעם הייליגסטן חפץ ביי כלל ישראל.

יעדן ערליכן איד האט וויי געטון דער פאקט אז ס'איז נאך אלץ נישט פאראן קיין באשטימטער ארט פאר א בית ה'. ריכטיג אז דער יונגער קעניג דוד בן ישי האט נארוואס אפגעצייכנט א וויכטיגן זיג ווען ער האט איינגענומען די אור-אלטע הייליגע שטאט ירושלים פון די יבוסים, וואו דער זיידע אברהם האט נאך מקריב געווען קרבנות. דוד האט שוין אפילו אנגעהויבן מאכן פלענער אויסצוקלויבן א ערליכן ארט פאר א פראכטפולן בית המקדש, אבער דער נביא האט אים פארבאטן עפ"י ה' עס צו בויען וויבאלד ער האט פארגאסן צופיל בלוט.

אנשטאט וועט עס געבויט ווערן דורך זיין זון און נאכפאלגער - וואס אסאך בלוט וועט נאך פארגאסן ווערן בעפאר ס'וועט קלאר ווערן אז דאס איז דער בחיר ה', שלמה המלך.

אינצווישן איז דער קעניג דוד נישט געזעצן מיט פארלייגטע הענט. דער גרעסטער אידישער גבור אבנר בן נר איז שוין טאקע נישט צווישן די לעבעדיגע, אבער דער נייער גענעראל יואב בן צרויה, וועלכער איז אליין אויך א ריזן ת"ח און פון די הויפטן ביי די סנהדרין, איז נישט צופיל אונטערשטעליג ווען עס קומט צו מלחמה טאקטיקן. דאס אידישע פאלק האט זיך שוין צופיל אנגעליטן פון זיינע ארומיגע מאכטפולע שכנים, וועלכע קענען נאך אלץ נישט שלום מאכן מיטן מציאות פון א אידישע מלוכה אין לאנד כנען, און דער ענערגישער קעניג איז אנטשלאסן אפצושטעלן איינמאל פאר אלעמאל זייערע נאכאנאנדע אטאקעס, ווי אויך פארברייטערן די גרעניצן פון ארץ ישראל אויפן חשבון פון די פיינטליכע שכנים.

צוערשט האט דער קעניג בליץ שנעל באזיגט די פלשתים - מיט 'זייטיגער' הילף פון שמואל הנביא, און א דירעקטער באפעל פון אויבערשטן - דערנאך איז געקומען די רייע אויף אלע ארומיגע פיינט. פון די שטארקסטע צווישן זיי זענען געווען די "מלכי צובה", אין שפיץ פון הדדעזר קעניג פון צובה צו וועמען די איבריגע מלכים זענען געווען אונטערגעווארפן. אבער ס'האט נישט לאנג גענומען און דוד'ס מיליטער האט דערשלאגן הדדעזר און זיין מיליטער. פון די מלחמות האט דוד אהיימגעברענגט א ריזיגן רויב פון גאלד, זילבער, קופער, און אנדערע סחורות, וואס ער האט אלעס מקדיש געווען פארן נייעם הויז וואס וועט עווענטועל געבויט ווערן.

וואס איז געווען מערקווירדיג פארן זייטיגן באבאכטער איז דער פאקט אז דוד האט געפירט מלחמות מיט די ווייטע מלכי צובה, אבער די שכנות'דיגע עמון, וועלכע האט אסאך געפייניגט אידישע קינדער אין די צייטן פון שאול המלך, האט ער גענצליך צורו געלאזט. יודעי דבר ווייסן אז דוד האט זיך געשפירט שולדיג פאר נחש, דער קעניג פון עמון, וויבאלד ער האט אמאל אפגעשוינט דוד'ס א ברודער און אים נישט ארויסגעגעבן פארן קעניג פון מואב וואס האט יענעם געוואלט הרג'נען. ביים איד איז הכרת הטוב פון די וויכטיגסטע מידות, און דוד המלך האט דא באקומען א גאלדענע געלעגנהייט דאס צו לערנען פאר'ן פאלק.

נאכמער. ווען נחש איז געשטארבן און זיין זון חנון האט איבערגענומען, האט דער אידישער קעניג געשיקט פערזענליכע שלוחים צו גיין טרייסטן חנון אין זיין נאמען, ארויסצוזייגן דערמיט ווי שטארק ער געדענקט די וועלכע טוען אים א טובה. אבער דער נארישער חנון איז געווען ארומגענומען מיט פינסטערע אידן פיינט, און יענע האבן אים 'אויפגעקלערט' אז די אידישע שלוחים זענען באמת גאר שפיאנען וועלכע קומען צוגרייטן דאס לאנד פאר א בליץ-קריג וואס די אידן ווילן אונטערנעמען קעגן עמון.

דער אומערפארענער קעניג, אין וועמענ'ס פארשטאפטע גוי'אישע קאפ ס'איז אזוי אויך שווער אריין אז עמיצער זאל קענען זיין א מכיר טובה, האט אפגעקויפט די ווערטער פון זיינע ראטגעבער. ער האט דעריבער גענומען די שלוחים, זיי האלב אפגעגאלט די בערד, ווי אויך אראפגעשניטן האלב פון זייערע קליידער, און דערנאך זיי אזוי פארטריבן פון לאנד. גאנץ עמון האט געקוואלן פון דעם 'געלונגענעם' שריט פון זייער 'קלוגן' קעניג. אוי האט מען זיי געוויזן...

אבער זייער שמחה האט נישט לאנג אנגעהאלטן. דוד'ס שלוחים זענען נאך ניטאמאל אנגעקומען צוריק אהיים ווען די מער ניכטערע קעפ אין עמון האבן שוין געהאט ערקלערט פאר חנון אין וואספארא זויערן עפל ער האט יעצט אריינגעביסן. יענער האט געכאפט א מינוט צו שפעט זיין נארישקייט, דער פארכטיגער נאמען פון דוד און יואב בן צרויה האט שוין דאן דערגרייכט אין אלע ארומיגע לענדער, און יעצט איז שוין נישט געבליבן פאר אים קיין סאך נאר זיך גרייטן צו די אומפארמיידליכע מלחמה מיט די אויסגערופענע אידישע גבורים.



א מאפע פון ארץ ישראל אונטער דוד המלך. מ'זעט "ארם צובא" גאנץ אויבן ביים צפון שפיץ, וואס האט פארלאנגט אז יואב בן צרויה זאל דארט אויפשטעלן דעם מעכטיגן פעסטונג כדי צו שיצן ארץ ישראל'ס גרעניצן

חנון האט געוואוסט אז אליין האט ער נישט קיין אויסזיכטן זיך צו פארמעסטן מיט דעם קליינעם אבער שטארקן מיליטער פון יואב, און ער האט זיך באלד ארויסגעלאזט אויף דער יארכע צו טרעפן באצאלטע שותפים מיטצושטיין אויף זיין זייט אין דער מלחמה. דער מעכטיגער הדדעזר איז שוין געווען היפש צעקלאפט, און צובה איז שוין האלב צעפאלן אין מערערע קליינע מלוכה'לעך, אבער צווישן זיי זענען אויך געווען צוויי שטארקע לענדער, ארם נהרים און ארם צובא, און עמון האט יעצט געשלאסן א מיליטערישן בונד מיט זיי. די צוויי לענדער האבן צוגעשטעלט צוואנציג טויזנט סאלדאטן, א ריזיגן מיליטער אין יענע באגריפן. אלס צוגאב האט חנון אויך געדינגען טויזנט סאלדאטן פון מעכה און צוועלף טויזנט פון איש-טוב, אבער דער וויכטיגסטער כח איז געבליבן דאס שטארקע מיליטער פון ארם צובא.

כדי זיך נאכמער צו באווארענען האט חנון אזוי אויסגעשטעלט אז די געדינגענע סאלדאטן זאלן זיך נישט פארפעסטיגן צוזאמען מיט זיי אונטער עמון'ס מעכטיגע מויערן, נאר זיי זאלן זיך באהאלטן אין די זייטיגע וועלדער ביז די אידן קומען נאנט צו די טויערן פון עמון, און דערנאך וועלן זיי איבערראשן די אידן דורך ארויסקומען פון אונטער זיי, און אזוי וועט די אידישע ארמיי פלוצלונג פארכאפט און צעמאלן ווערן צווישן די שטיינערנע מויערן פון איין זייט און די ריזיגע געדינגענע ארמייען פון די אנדערע זייט.

וכך הוה. יואב בן צרויה מיט זיינע גבורים זענען אנגעקומען ביי די טויערן פון עמון אן פארדעכטיגן דעם שפיצל, און מיטאמאל האבן זיי זיך געפינען פארכאפט אין א פאסטקע ווען די געדינגענע סאלדאטן האבן זיי אנגעהויבן ארומנעמען פון אונטן. דער מצב האט אויסגעזען פארלוירן. אבער נאך א קורצע תפילה איז דער מייסטער גענעראל אויפגעקומען מיט א פלאן, עפעס וואס מ'האט געדארפט אויספירן בלית ברירה אונטער די אומשטענדן.

יואב האט צוטיילט דעם אזוי-אויך-קליינעם אידישן מיליטער אין צווייען. זיין ברודער אבישי בן צרויה מיט איין האלב וועט זיך ווענדן מיטן פנים צו די שטאט עמון און פירן די מלחמה נעבן די מויערן, בשעת ער מיט די אנדערע האלב וועט זיך אויסדרייען מיטן פנים צו די געדינגענע ארמייען, און דעם רוקן צו אבישי'ס האלב, און אזוי פירן די מלחמה. יואב האט אפגעמאכט מיט זיין ברודער אז אויב איין האלב וועט זען אז דער אנדערער איז אויף צרות וועט ער יענעם קומען צוהילף, און אזוי אויך פארקערט.

וויבאלד יואב האט זיך געדארפט שלאגן מיט א פיל שטארקערן שונא האט ער אויסגעקליבן פאר זיך די בעסטע קעמפער. נאך הייסע תפילות און מיט א הויכן געשריי פון "אנא ה' הושיעה נא" האבן די אידן זיך געווארפן אין שלאכט. ס'האט טאקע נישט לאנג גענומען און די אידישע גבורים האבן באוויזן וואונדער. די צענדליגער טויזנטער סאלדאטן פון ארם צובא און די איבריגע לענדער האבן אנגעהויבן אנטלויפן פון די אידן. עמון'ס מיליטער וואס איז געשטאנען אויף די מויערן האט דאס באלד באמערקט און האבן זיך אויך צוריקגעצויגן פון אבישי, וועלכער האט א זיגרייכער אריינמארשירט אין די שטאט.

דער מעכטיגער זיג וואס יואב האט אויסגעקעמפט טראץ די גרויסע איבערראשונג וואס עמון האט אים צוגעגרייט האט געשיקט שאק כוואליעס אינעם גאנצן ראיאן. וויפיל די ארומיגע לענדער האבן זיך נישט אפגעבריט ביז היינט פון טשעפען מיט די אידן האבן זיי געמוזט ווערן באזארגט פון זיך טרעפן צום ערשטן מאל קעגן אזא אויסטערלישע גבורה. דער צעקלאפטער הדדעזר האט אויך געהאט זיינע אייגענע פאליטישע חשבונות, מיטן ציל צוריק צו פאראייניגן די צובה קעניגרייך וואס ער האט פארלוירן נאכ'ן באזיגט ווערן דורך דוד, און ער האט אנגעהויבן העצן די גאנצע באפעלקערונג אין ארם אז מ'מוז איינמאל פאר אלעמאל פטור ווערן פון די אידן, ווייל אויב נישט......

דאסמאל האט ער צוזאמגענומען דעם גאנצן ארמ'ישן פאלק. זיין ווילדע העצע האט געווארנט אז יעדער קאמפ'ס פעאיגער מאן מוז ארויסקומען צום 'ענדגילטיגן' שלאכט מיט די בני ישראל. קעגן אזא ערנסטע סיטואציע האט שוין דוד המלך זיך נישט געקענט באגנוגענען מיט יואב'ס גבורים, ווי קוראזשפול זיי זאלן נאר נישט זיין, אין סומכין על הנס, און ער האט צוזאמגעזאמלט דעם גאנצן אידישן פאלק און אריבער מיט זיי דעם ירדן. יעצט האט זיך אנגעהויבן דער ריכטיגער פארמעסט.

אבער אויך יעצט האבן די אידן געזען דעם אפענעם יד ה', בליץ שנעל האבן די אידן באקומען די אויבערהאנט און ארם האט אנגעהויבן אנטלויפן. יואב מיט זיינע גבורים האבן אנגעהויבן נאכיאגן די אנטלויפער און געשניטן שטיקער פון זיי אן רחמנות, ער האט זיי נאכגעיאגט ביז אהיים אזוי ווייט ווי ארם נהרים און ארם צובא, וועלכע ער האט אונטערגעצינדן כדי צו פארטרייבן פון דארט די לעצטע קעמפער.

די אויסטערלישע מלחמה און יואב'ס העלדישקייט זענען פאראייביגט געווארן דורך דוד המלך אין זיין הייליגן ספר תהלים (מזמור ס') "מכתם לדוד

ללמד בהצותו את ארם נהרים וארם צובה, וישב יואב ויך את אדום בגיא״.

וואס ס'ווערט אבער נישט דערמאנט אין תנ״ך איז דער פאקט אז יואב בן צרויה איז נישט געווען בלויז א גוטער מלחמה מאן, נאר ער האט אויך געוואוסט וויאזוי אנצוהאלטן זיינע נצחונות. ארם צובא איז געווען דער ווייטסטער פונקט אין דעם ראיאן (שפעטער ״סוריא״) וואס דוד האט יעצט אנעקסירט צו ארץ ישראל, און יואב האט געוואוסט אז אויב וויל ער האבן פעסטע גרעניצן דארף ער פארפעסטיגן די שטאט. די ערשטע זאך וואס ער האט געטון איז געווען דארט אויפצובויען א מעכטיגן פעסטונג מיט שטארקע מויערן. דער פעסטונג שטייט נאך ביז'ן היינטיגן טאג אין צענטער פון שטאט.

אבער א פעסטונג איז נישט גענוג. צו האלטן די שטאט אין אידישע הענט האט זיך פארלאנגט א שטענדיגער אידישער אנוועזנהייט, און דעריבער האט יואב געלאזט בויען דארט א בית הכנסת וואס זאל דינען די אידישע סאלדאטן אינעם ראיאן. אן אלטע מסורה ביי די חאלאבער אידן דערציילט אז יואב זעלבסט האט געשלעפט די גרויסע שטיינער און זיי אריינגעשטעלט אין דער וואנט, ווען ער וויינט בשעת מעשה ״קען דען זיין אז הקב״ה וועט איבערלאזן דעם נייעם בית המקדש וואס מען פלאנט צו בויען אין ירושלים און אהערקומען דא מאכן רוען די שכינה?״, דאן האט ער געהערט א בת קול ״יואב יואב, צוויי בתי מקדשות וועלן נאך חרוב ווערן און דיין הויז וועט בלייבן שטיין״.

די שול שטייט נאך טאקע ביזן היינטיגן טאג, כאטש זי איז שוין אינצווישן איבערגעבויט און פארגרעסערט געווארן, ווי אויך עטליכע מאל צוגרונד געגאנגען, און איז די עלצטע בית הכנסת וואס שטייט ביים היינטיגן טאג. זי ווערט אנגערופן ״בית הכנסת הקדמון״, אבער צווישן די חאלאבער אידן ווערט זי אויך אנגערופן ״בית הכנסת פון יואב בן צרויה״.

• • • • •

ווייניג זענען באקאנט מיט'ן מערקווירדיגן פאקט אז די סעמי-צוריקגעשטאנענע סיריע איז פאקטיש פון די וועלט'ס ערשטע ציוויליזאציעס. ארכעאלאגישע געפינסן אויף דעם ארט זענען פון די עלצטע אין היסטאריע



א בליק אויף דער מאדערנער ״חאלאב״, אדער ״אלעפא״

[נישט אריינגערעכנט די פאנטאזיעס זייערע, ודו״ק], און ציינגן אויף א פעסט באזירטע קעניגרייך פון די צייטן באלד נאכן מבול. איר נאמען שטאמט לכאורה פון די צייטן ווען זי האט געהערט צו די קעניגרייך פון ״אשור״, וועלכע האט אין אירע גוטע צייטן געהערשט אויף א ריזיגן טייל פון דעם ראיאן.

די צווייט גרעסטע שטאט אין סיריע רופט זיך היינט ״חַאלֶבּ״, אדער ״חאלאב״. די שטאט איז אנגענומען צו זיין איינע פון די עלצטע שטעט איבער די וועלט, און זי ווערט נאך דערמאנט אין די תורה הק' אונטערן נאמען ״ארם צובא״.



היסטארישע איבערבלייבענישן פון די מויערן פון ״רבת עמון״, ביי די דאזיגע טויערן האבן אבישי בן צרויה מיט זיין ברודער יואב אויסגעקעמפט דעם זיג פאר אידישע קינדער

לויט רבי פתחי' מרעגענשבורג - א ברודער פונעם ר״י הלבן פון די בעלי התוספות - וועמענ'ס ״ספר המסעות״ פון זיין רייזע ארום די וועלט איז איינע פון די וויכטיגסטע היסטארישע מקורות איבערן לעבן אין יענע צייטן, און וועלכער האט באזוכט די שטאט אויף זיין וועג קיין ארץ ישראל בערך אין די ד' אלפים תתק״מ יארן, איז דער נאמען ״חאלאב״ אדער ״חלב״ איר געגעבן געווארן וויבאלד אברהם אבינו האט דארט געוואוינט א שטיק צייט און געהאדעוועט זיינע שאף אויפן בארג, און דארט האט ער געטיילט מילך פאר דורכגייער און וואנדערער.

זיצנדיג אויף א סטראטעגישן שייד-וועג נאנט צו די ברעגעס פון מיטללענדישן ים, וועלכע איז געווען א קריטישע פונקט דורך וואו מ'האט געפירט אלערליי סחורות פון אייראפע קיין אזיע און פארקערט, איז די שטאט געווארן גאר וויכטיג פאר יעדע מלוכה וואס האט געזוכט צו זיין א וויכטיגער שפילער אויף די וועלט'ס ארענע. דאס האט געפירט דערצו אז די שטאט האט כסדר געטוישט רעגירונג, און די ליסטע פון הערשער איבער איר איז ווי א מיני-מאפע פון די וועלט'ס וויכטיגסטע גרויסמאכטן אין די אלטע תקופה - די בני חת, די קעניגרייכן פון אשור, פרס, אלכסנדר מוקדון, די סלאוואקן, די רוימער, אא״וו.

די אראבער זענען אנגעקומען אינעם ראיאן אין די צייטן פון מוכאמעד. אין יאר ד' אלפים שצ״ט זענען די ביזאנטן [רוימער] פארטריבן געווארן פון די שטאט דורך מוכאמעד'ס מיליטערישער קאמאנדיר, כאלעד איבן אל-וואליד - א בארימטער העלד וועלכער האט פערזענליך אנגעפירט איבער הונדערט מלחמות קעגן די גרעסטע וועלט'ס מאכטן און האט קיין איינס נישט פארלוירן! ער איז פון די איינצעלנע מלחמה פירער אין היסטאריע וועלכע זענען פארבליבן אומבאזיגט.

זינט דאן איז די שטאט שוין געבליבן אונטער קאנטראל פון די מוסולמענער, אבער ס'האט כסדר געטוישט הענט צווישן די פארשידענע מוסולמענישע אראבישע שבטים, ווי אויך מיט די טערקן.

## *די עלצטע קהלה אין דער וועלט*

״ארם צובא״ שפילט אויך א וויכטיגע ראלע אין אידישער היסטאריע. אין די תקופה באלד נאך וואס שאול המלך איז געווארן געקרוינט אלס קעניג האט ער צום ערשטן באזיגט די ״מלכי צובה״ - וואס אזוי זענען אנגערופן געווארן די קעניגן פון אלע לענדער ארום דעם ראיאן, צווישן זיי ארם צובא וועלכע איז דאן אויך געווען א זעלבסשטענדיגע קעניגרייך. מיר האבן שוין דערמאנט וויאזוי יואב בן צרויה האט ענדגילטיג איינגענומען די שטאט און לויט די מסורה אויפגעבויט דעם ״בית הכנסת הקדמון״.

ס'איז נישט פאראן קיין קלארער בילד פון א אידישן ישוב אין די שטאט זינט דאן. דאס איז זיכער אז סיריע, אדער ווי זי ווערט אנגערופן אין די גמרא

"סוריא", האט געשפילט א וויכטיגע ראלע אין אידישן לעבן, און ס'איז העכסט ווארשיינליך דארט געווען א גוט באזירטע אידישע קהלה. על פי הלכה האט סוריא געהאט א דין ארץ ישראל וואו מ'האט געדארפט אפשיידן תרומות ומעשרות אין די צייטן פון ערשטן בית המקדש (לויט ווי מיר פסק'נען אז "קדושה ראשונה קידשה לשעתה ולא קידשה לעתיד לבא"), און דער רמב"ם אין הל' תרומות רעכנט ספעציפיש אויס אונזער "אחלב" צווישן די שטעט וועלכע דוד האט איינגענומען און דעריבער באקומען א דין אר"י אין צייט פון בית ראשון.

ביי די אידן פון חאלאב איז פאראן א מסורה וואס ציילט אויף א מערה נעבן זייער שטאט, אינעם דערפל "תדף", אז דארט האט עזרא הסופר געלערנט און דארט געשריבן א ספר תורה. טייל פון זיי זאגן אויך אז דארט איז זיין קבר - אנדערש ווי אנגענומען אז דער קבר פון עזרא הסופר געפינט זיך אין באצרא, בבל [היינט איראק]. די לעצטע הונדערטער, אויב נישט טויזנטער, יארן גייען סיריער אידן ארויף צו דער מערה און זענען מתפלל מיט זייערע בקשות. זייער פיל סיפורי ישועות גייען ארום צווישן די חאלאבער אידן וואס מ'האט געזען אויף דעם מקום קדוש.

די ערשטע אפיציעלע דערמאנונג פונעם אידישן ישוב אין חאלאב איז אין א בריוו פון רבי סעדי' גאון, וואו דער גאון דערציילט אז די בארימטע מחלוקה צווישן אים און רבי אהרן בן מאיר, דער ראש החכמים אין ארץ ישראל, איבער די קביעות החדשים פון חשון און כסליו אלס חסר [א קאפיטל געשיכטע פאר זיך] האט זיך אנגעהויבן ווען רבי סעדי' האט געוויילט איבערן זומער אין חאלאב. וואס ברענגט, אגב, אויף די מעגליכקייט אז די שטאט האט געדינט אלס זומער רעזארט.

פון דארט דארף מען געבן א שפרונג נאך א שיינע פאר הונדערט יאר ביז די צייטן פון רמב"ם. אין זיין בריוו צו די חכמי לוניל שרייבט דער רמב"ם מיט זיין מליצה'דיגער שפראך ווי פאלגנד: *"אבער אין די אלע פלעצער איז די תורה פארלוירן געגאנגען פון [אידישע] קינדער. רוב גרויסע לענדער זענען געשטארבן, א קליינער טייל גוסס'ט, און דריי אדער פיר פלעצער זענען קראנק. און אין גאנץ ארץ ישראל בבל און סוריא איז געבליבן איין לאנד [לייען: שטאט] און דאס איז אחלב, וואו אביסל חכמים זענען נאך עוסק בתורה"*. אבער דער רמב"ם באקלאגט זיך אז די ארטיגע חכמים זענען אויך שוואך, און די איינציגע האפענונג פאר כלל ישראל זענען די חכמי לוניל.

*פארזעצונג קומט אי"ה*


מפעל

קביעות עתים לתורה

שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב - קרית יואל

בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

ביהמ"ד הגדול | ביהמ"ד אבני צדק | ביהמ"ד אהל פיגא | ביהמ"ד בית מרדכי | ביהמ"ד ישמח משה | ביהמ"ד בית ברוך

ביהמ"ד ברך משה | ביהמ"ד ויואל משה | ביהמ"ד דברי חיים | ביהמ"ד עטרת זקנים | ביהמ"ד בית דוב | בית שמואל בנימין

16 Garfield Road, Monroe, NY 10950 • 845-774-4040 #107

# תודה וקול זמרה

הננו מברכים בזה ברכת מזל טוב מעומקא דליבא אל הני תרי רעין דלא מתפרשין עוסקים בצרכי ציבור בתמידות נפלאה עושים ומעשים לצרכי הכלל והפרט, ובמיוחד מסורים בלב ונפש לטובת מפעלינו "קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים" יומם ולילה קדמא וחשוכא, ה"ה

**הרה"ח מוהר"ר מרדכי לייב גליק שליט"א**

**גבאי ביהמ"ד הגדול וחבר הנהלת מפעל קביעות עיתים לתורה**

**לרגל שהשמחה במעונו בנישואי בתו שתחי'**

**ואתו עמו הרה"ח מוהר"ר יחזקאל שרגא וויינגארטן שליט"א**

**חבר הנהלת מפעל קביעות עיתים לתורה**

**לרגל שהשמחה במעונו באירוסי בתו שיחי'**

אין די מילים בפינו להודות ולהלל ולרומם אלו העסקנים שמשליכים נפשם מנגד לחזק ולרומם קרן התורה בעירינו קרית יואל יצ"ו בכל עת ובכל זמן, ועל כן עלינו לשבח אותם בשער בת רבים כמותם ירבו בישראל.

וזכות אלפי אלפים שעות תורה יעמוד לימינם שיזכו לרוות רב נחת מצאצאיהם כולם זרע ברך ה', בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות וצדקתם עומדת לעד, עדי נזכה כולנו לעלות אל הר ה' שמה בביאת משיח צדקינו, ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו, בב"א.

בית המדרש בית שמואל בנימין
דקהל יטב לב
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Bais Hamedrish Shmiel Biymin
of
CONG. YETEV LEV
Kiryas Yoel

ע"ש הרה"ח מוה"ר שמואל בנימין ב"ר מרדכי אפרים פישל סופר ע"ה

• 17 ROVNA COURT #101 • MONROE, NEW YORK 10950 •

# מפרסמין עושי מצוה

ברוב שיר ותודה נברך לאלקינו שהגיענו לברך על המוגמר בהרחבת גבולי הקדושה בבית מדרשינו ברוב פאר והדר, לשמחת לב כל מתפללי ובאי בית מדרשינו, ובעת כזאת עלינו לשבח למע"כ הנדיבים החשובים שהיו ראשונים לדבר מצוה והזילו זהב מכיסם לטובת הבני' והשיפוץ של בית מדרשינו המפואר, ה"ה

**הרבני הנדיב הנכבד והמפואר**

**כבוד מוהר"ר יואל (ברמ"ח) שפיצער הי"ו**

**שנטל חלק בראש להוצאות המרובות של בניית ה"עזרת נשים" החדשה**

**ויקרא בשם "בית מלכה מרים"**
**לע"נ חמותו האשה החשובה והמהוללה מרת מלכה מרים (גראס) ע"ה בת הרה"ח ר' שמעון זאב ע"ה**

**וגם לרבות הרבני הנגיד הנכבד והמפואר**

**כבוד מוהר"ר יואל (בר"מ) בראך הי"ו**

**שעומד לימינינו בכל עת ועונה, ובמשך השנים כבר נדב מאות ספרים לחק"ס בית מדרשינו, וכעת הוסיף עוד לנדב את ה"ספרים שענק" המפוארים**

**ויקרא בשם "אוצר ליפא בראך"**
**ע"ש זקינו הרה"ח המפורסם מפארי קהלתינו הר"ר ליפא בראך ע"ה**

מהם ילמדו וכן יעשו, ויה"ר שזכות בניית בית מקדש מעט יעמוד לימינם, אורך ימים בימינם ובשמאלם עושר וכבוד, וימלא ה' כל משאלות לבבם לטובה עד ביאת מלכא משיחא, ומלכינו בראשינו, בב"א.

* * *

ובחדא מחתא הננו מברכים בזה ברכת מזלא טבא וגדיא יאה להני תרי צנתרי דדהבא אשר יומם ולילה לא ישבותו, עוסקים בלי ליאות לתפארת והצלחת בית מדרשינו, ה"ה

**הרבני התורני עוסק בצרכי ציבור באמונה**
**מוהר"ר משה יודא גאלדבערגער הי"ו**
**גבאי נאמן בבית מדרשינו**
**להולדת בנו**

**הרבני התורני עוסק בצרכי ציבור באמונה**
**מוהר"ר יואל זאבעל הי"ו**
**גבאי נאמן בבית מדרשינו**
**להולדת בנו**

* * *

וברכה מיוחדת אל מע"כ הרבני הנגיד הנכבד המפואר, מקים עולה של תורה אשר זיכה רבים וזכה בהקמת בית מדרשינו לשם ולתפארת,

**מוהר"ר יעקב זוסמאן סופר הי"ו**

**לרגל שהשמחה במעונו בנישואי בנו החתן תמים למעלות הי"ו**

ואנו תפילה לנורא עלילה שמשמחות אלו יושפע שפע רב לנו ולכל ישראל, אמן

**הנהלת הביהמ"ד**

# כולל שומרי החומות
# לצדקת רבי מאיר בעל הנס

כולל שומרי החומות
לצדקת רבי מאיר בעל הנס
ממלכת התורה והחסד אבי המוסדות ואם הצדקות

קרית יואל אפיס: 15 Garfield Rd. Monroe NY 10950 (845) 774-7330

## טייערע ברודער אין קרית יואל:

רופט אייך אן ווארעם צום

# אפיעל

## דעם יו"ט פסח

לטובת דעם הייליגן מוסד

## כולל שומרי החומות
## לצדקת רבי מאיר בעל הנס



אהרן טייטלבוים

אבד"ק סאטמאר

ב"ה

בהתקרב ובא מועד חג הפסח הבעל"ט, ומבואר בשו"ע ריש הל' פסח בסי' תכ"ט, הניע
העת והעונה להשמיע על השקלים אודות מעות חיטים, לבוא לעזרתם של הני **אלפי עניי**
**ארץ ישראל יראי ה' בעיר ה'** שמה שמצבם דחוקה מאוד, ומרוב הוצאת החג והיקרות,
רובץ עול גדול על שכמם, ועיניהם כלות וצופיות לעזר ותושי' מאחינו בני ישראל שבחוץ
לארץ, כדי שיוכלו לחוג את החג המצות בדיצות.

והמפורסמות אין צריכות ראי' **וביודעי ומכירי קאמינא שהנהלת כולל שומרי החומות**
**לצדקת רבי מאיר בעל הנס**, עוסקים מדי שנה בשנה בחלוקת מזון ומחי' וצורכי החג
**לאלפי משפחות אומללים ובני עניים**, ומהם הרבה תלמידי חכמים ועובדי השי"ת היושבים
באהלה של תורה בארה"ק מתוך הדחק. אשר הננו מצווים ועומדים עפ"י תקנת רבותינו
הקדמונים להחזיק בידם ביד רחבה ורוח נדיבה, וממורת אבותינו בידינו מוסדי כוללנו
כולל שומרי החומות מדור דור נבג"מ זי"ע.

ע"כ באתי בזה לבקש מאת אחב"י רחמנים בני רחמנים ליקח חבל ולהשתתף בדבר
מצוה נשגבה זו, איש איש כמתנת ידו אשר ברכו ה', וגדולה מתנת עניים שמהפכת מדה
הדין למדת הרחמים, **ואלקא דמאיר יעננו** שכל המשתתפים יתברכו מן השמים בשפע
ברכה והצלחה וכל מילי דמיטב, רב ברכות, ושובע שמחות, ועוד נזכה לאכול שם מן
הפסחים ומן הזבחים, בביאת גואלינו במהרה בימינו.

## מכתב קודש
## מאת הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
## חבר נשיאות כוללנו

לטובת אלפי עניי ארה"ק שע"י

כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס

נתפרסם לרגל האפיעל השנתי
הנערך בקרית יואל
בימי חג הפסח הבעל"ט

## אלקא דמאיר עננו

Designed by: ROYAL IMAGE 718-218-6700

קרית יואל
# פלייש געשעפט

51 Forest Rd.
845-783-8334

# געווינט $1000 קעש
## לכבוד יום טוב

און בעפארברייטונג צום יו"ט פסח הבעל"ט פראקלאמירן מיר ספעציעלע גורלות

1 **צאלט אויס גענצליך אייער באלאנס ביז ד' אייר און געווינט 1,000 דאלער קעש**
עס וועלן זיין 2 געווינער

2 **קויפט איין אייער פסח ארדער און באצאלט אויפ'ן פלאץ, געווינט 200 דאלער קרעדיט אין פלייש געשעפט**
עס וועלן זיין 5 געווינער

**Meat Preparation & Exclusive recipes**
Will be given on premises "only"
starting April 10 till April 14
11am-3pm

For our many Pesach specials
call our main number
783-8334 and press 8

ביטע פארשטייט אזוי ווי איר ווייסט אז די הכנסה פון אונזער געשעפט
גייט פאר די מוסדות הקדושים מיט אירע טויזענטער תשב"ר
און דער מצב איז זייער ענג א גאנץ יאר ובפרט פאר פסח
**וועלן מיר בשום אין אופן נישט לאזן אויפשרייבן דעם פסח ארדער**

מיט דאנק - די פארוואלטונג




845.425.6566 | הקלאסיס


NEW COLLECTION
ITS BEING SCANED BY THE MINUTE
WE HAVE ONLY
200 FROM EACH DESIGN
G&G
BORO PARK
718.871.7841
WMSBG
718.923.6060
MONSEY
845.352.2702
KIRYAS JOEL
845.782.7720
European Made
Quality Merchandise
S&S IMAGE 718.330.0004




**לכבוד די יומא דהילולא, שב"ק פר' קדושים, כ"ו ניסן הבעל"ט**

*חכ"ם ל"ב*

**דארפסט נישט נעמען קיין אדוואקאט, ס'איז א שאד פאר'ן געלט! אויפ'ן פעטער זכרונו לברכה'ס שטעטל וועלן זיי נישט האבן קיין שליטה!**

- מרן רביה"ק זי"ע פאר הרה"ח ר' אליעזר ווייס שליט"א, וויצע פרעזידענט דקהלתינו הק'

* * *

עס איז געווען איבריג ארויסצוברענגען פאר חברי קהלתינו הק' תושבי קרית יואל די אויסטערלישע נאנטשאפט וואס דער רבי בעל ברך משה זי"ע האט געשפירט צו קרית יואל, און דאס חביבות וואס ער האט ארויסגעוויזן פאר די שטאט ביי אומצאליגע געלעגנהייטן.

ס'איז נישטא גענוג פלאץ אין אונזער באגרעניצטע אויסגאבע עס אראפצוגעבן בכל פרטיה ודקדוקיה, דעריבער האבן מיר ענדערש אויסגעקליבן זיך צו קאנצענטרירן אויף איין פרשה וואס איז זיך פארלאפן דא אין קרית יואל, וואו עס האט זיך ארויסגעשטעלט סיי די מורא'דיגע אהבה פון רבי'ן צו די שטאט, ווי אויך וויפיל דער רבי האט פאראבעט – בגלוי ובסתר, ברוחניות ובגשמיות – אז די שטאט זאל האבן א המשכה און א קיום ביז משיח'ס טאג.

## א פריע ווארענונג

פאר די עלטערע תושבי קרית יואל איז עס באקאנט אלס "די טאבאק פרשה", אפילו די וועלכע זענען דאן נאך געווען קינדער ליגט גוט אין די ביינער דעם אויסטערלישן פחד וואס האט דאן געהערשט אין שטעטל, מ'האט געציטערט צו עפענען די טיר, עס האט אויסגעזען ווי דאס גאנצע שטעטל קומט צו אן ענדע, בלי שום גוזמא.

צוליב פארשטענדליכע סיבות וועלן מיר נישט אריינקריכן צופיל אין די דעטאלן פון די פרשה זעלבסט, נאר זיין בבחינת מגלה טפה ומכסה טפחיים וויפיל עס פעלט זיך אויס פשוט צו באגרייפן דעם געוואלדיגן כח וואס דער רבי זי"ע האט אריינגעלייגט פאר'ן 'שטעטל'.

באמת האט זיך עס אנגעהויבן נאך מיט עטליכע יאר פאר די פרשה איז ארויס אויף די גאס. די יו-עס אטוירני'ס אפיס האט געהאט אונטערגענומען אן אויספארשונג קעגן א אידישע ביזנעס, און צוויי טשעקס פון יענע ביזנעס איז געהאט אנגעקומען צו די מוסדות אין קרית יואל, וואס די אויספארשער האבן באטראכט אלס פארדעכטיגט און זיך גענומען גריבלען.

די הנהלה פון די מוסדות אין יענע צייטן האט באקומען קנאפע צוויי יאר פריער אינפארמאציע פון א געוויסן נגיד, א גרויסער ביזנעסמאן מיט גוטע פארבינדונגען, אז עס קומט פאר א שטילע אויספארשונג אויף קרית יואל, אבער מ'האט עס אוועקגעמאכט, און קיין שום שריט איז נישט אונטערגענומען געווארן.

יענע יארן איז די שטאַט ניו יארק געווען דורכאויס קארופטירט, און די פעדעראלע רעגירונג האט זיך גענומען ארבעטן אויסצורייניגן די שטאַט, סיי ביי פאליטישאנס, ארגאניזאציעס, ביזנעסלייט, און יעדער וואס איז אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט.

עטליכע יאר פריער איז דער שטרענגער רודאלף זשוליאני געווארן אויפגענומען אויף די פאזיציע פון "יו-עס אטוירני פאר סאוטערן-דיסטריקט פון ניו יארק". טעכניש איז עס געווען א נידערונג אין ראנג פאר זשוליאני, וועלכער איז געהאט געווען אויף די פעדעראלע פאזיציע פון געהילף אטוירני זשענעראל פאר גאנץ אמעריקע, אבער פאקטיש האט עס זשוליאני געזוכט און אויסגעקליבן צו באקומען דעם זשאב.

פאר דעם פובליסיטי הונגעריגן זשוליאני האט נישט געטויגט צו זיין עמיצנ'ס 'געהילף', אים איז געווען וויכטיגער צו ווערן זיין אייגענער באלעבאס, און מיט זיין חוש פאר פובליסיטי האט ער געוואוסט אז ניו יארק וועט פאר אים זיין א גאלד גרובן.

די ערשטע שריט וואס ער האט אונטערגענומען איז געווען דאס ארויסגיין אין אן עפנטליכן קאמף קעגן די מאפיא, וועלכע איז דאן געווען פעסט איינגעווארצלט און קאנטראלירט א באדייטנדן טייל פון די שטאט. ער האט אפגעהאלטן עטליכע שטארקע זיגן וואס האבן אים געשאנקען די פראמינענץ וואס ער האט געגארט, אבער האבן גלייכצייטיג פארגרעסערט זיין אפעטיט.

צוויי יאר נאך זיין ערשטן גרויסן זיג אין געריכט קעגן די מאפיא האט זיך אראפגעלאזט די צרה אויף קרית יואל, אנגעפירט דורך זיינס א געהילף, א איד מיט'ן נאמען מייקעל (מיכאל?) טאבאק, וועלכער האט זיך פארבינדן מיט קרית יואל און פארלאנגט אז ער וויל אראפקומען זען די ביכער.

## געגנב'עט דעם סעיף

דער טאבאק איז געווען פון די סארט "דינא דמלכותא" אידן, ביי וועמען דער גוי'אישער געזעץ שטייט העכער פון כל התורה כולה, און זשוליאני האט אים העכסט ווארשיינליך טאקע דערפאר אויסגעקליבן אנצופירן מיט די שטרענגע און ווילדע אויספארשונגען קעגן קרית יואל.

נאטורליך איז די הנהלה געווארן דערשראקן, קיינעם פעלט נישט אויס מ'זאל אים קריכן אין די קישקעס אריין... דערצו ווען מ'האט באלד געזען אז דער טאבאק קומט דא מיט א געוואלדיגע שנאת עם הארץ לת"ח און זוכט זיך אנצוכאפן אויף יעדע קלייניגקייט.

צוערשט האט מען אויפגענומען א שטאב מיט געניטע אדוואקאטן, צווישן זיי אויך דער בארימטער ארטאדאקסישער אדוואקט ר' נתן לעווין, באקאנט אין די יורידישע וועלט אלס נעיטען לואין, וועלכע האבן זיך אריינגעלייגט מיט'ן גאנצן פלייס אויסצוארבעטן א סטראטעגיע וויאזוי זיך ארויסצודרייען פונעם פלאנטער.

מיטוואך פר' בשלח תשמ"ח האט די הנהלה אריינגעגבן א קלאגע אין די פאליציי אז מ'האט געגנב'עט דעם סעיף פון די מוסדות מיט אלע ביכער דערין. ווען טאבאק האט דאס געהערט איז ער געווארן גאר ווילד, מיינענדיג אז ס'איז געווען דירעקט אונטערגעשטעלט כדי אים אויסצושפילן, און ער האט זאפארט ארויסגעשיקט א הויפן סובפינעס פאר א צאל איינגעשטעלטע פון די מוסדות. צווישן זיי אויך הרה"ח ר' משה אפרים שטיינמעטץ הי"ו וועלכער האט דאן געדינט אלס בוקקיפער פון די מוסדות.

דאנערשטאג נאכמיטאג האט א מחנה פון יו-עס אטוירני'ס אפיס, אין שפיץ פון טאבאק'ס מיטארבעטער יו-עס אסיסטענט אטוירני קלאוד מילמאן, זיך אראפגעלאזט קיין קרית יואל אויסצוטיילן די סובפינעס. זיי האבן נישט געהאט קיין געריכט ווארענט און דעריבער נישט געקענט צווינגען מ'זאל זיי אריינלאזן אהיים, זענען זיי געשטאנען ביי די טירן און געווארט עמיצער זאל ארויסקומען איבערנעמען די סובפינעס.

זעלבסטפארשטענדליך אז קיינער פון די אלע וועמען מ'האט געוואלט איבערגעבן די סובפינעס זענען נישט צוגעקומען צו די טיר, ביי איינעם האבן זיי בטעות געמיינט אויף א צווייטן יונגערמאן אז ער איז פון די אנגעקלאגטע, אבער ווען זיי האבן יענעם איבערגעגעבן די נישט ריכטיגע סובפינע האט עס יענער גענומען און צוריסן, וואס האט געמאכט א גאנצע איבערקערעניש און אנלויף פון די פאליציי, וואס האט נאכמער צוגעגאסן שרעק צום פייער.

בלויז ר' משה אפרים האבן זיי באוויזן צו דערגרייכן ווען ער האט זיך געוואלט ארויסשווערצן פון די בעקיארד, אבער דער אדוואקאט לואין האט געזאגט אז די סובפינע איז געשיקט געווארן פאר יו-טי-עי און במילא דארף ער נישט אראפגיין צו זיי ווייל ער איז נישט יו-טי-עי.

יענעם דאנערשטאג נאכט אבער האט די הנהלת

המוסדות באפוילן ר' משה אפרים צו גיין די פאליציי וועגן דעם רעפארט פאר די גניבה פונעם סעיף, וואס ווי מ'איז שפעטער דערגאנגען האט טאבאק דאס אויסגענוצט אנצעווייזן אז אז ר' משה אפרים איז יא טייל פון די מוסדות ווייל ער איז דאך אראפגעקומען מטעם די מוסדות וועגן די גניבה, וואס האט געברענגט די פראבלעמען.

### *דער מגילת סדרים האט אים מסדר געווען*

א מערקווירדיגע מעשה דערציילט הרה"ח ר' אליעזר היילברוין הי"ו, וועלכער איז דאן געווען אדמיניסטראטאר פון די מוסדות און איינער פון די ערשטע אויף די ליסטע ביי טאבאק, וויאזוי ער האט זיך ארויסגעדרייט פונעם פעקל.

ר' אליעזר איז אן אייניקל פונעם בעל מגילת סדרים זצ"ל. מיט יארן פריער איז ער געהאט אריינגעגאנגען צו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע און אים געטראגן דעם ספר וואס איז דאן געווען א יקר המציאות. דער רבי זי"ע האט זיך זייער געפרייט צו דעם ספר און אים דאן געגעבן א ברכה אז דער זכות פונעם מחבר וועט אים נאך אמאל ביישטיין.

מאנטאג בשלח האט א קרוב פון ר' אליעזר אים אנגערופן און געפאדערט אז ער זאל מיטקומען מיט אים קיין אייראפע ווייל ער וויל פארן אויף קברי אבות צום זיידן און היות ווי ר' אליעזר איז שוין דארט געווען פארלאנגט ער פון אים ער זאל מיטקומען. טראץ וואס ס'איז געקומען גענצליך אומגערישט האט יענער אים נישט אפגעלאזט.

דאן איז ר' אליעזר אריין צום ברך משה זי"ע וועלכער האט אים שטארק צוגעשטופט ער זאל פארן, און אזוי האט ער זיך אויפגעהויבן און געפארן קיין אייראפע פון איין טאג אויפ'ן אנדערן.

ס'האט אים גענומען ביז פרייטאג צופרי, ווען די חברה האבן אנגעקלאפט ביי די טיר אים זוכנדיג אז ר' אליעזר זאל געוואויר ווערן פונקטליך פארוואס די השגחה עליונה האט געוואלט ער זאל פארן, און וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט געמיינט מיט זיין ברכה.

פון אייראפע איז ר' אליעזר שוין נישט צוריקגעקומען קיין קרית יואל ביז עטליכע חדשים שפעטער, ווען דער מצב האט זיך שוין געהאט בארואיגט.

### *דער נס וועט זיכער קומען!*

פרייטאג צופרי איז ר' משה אפרים געפארן קיין בארא פארק אויף שב"ק, מיט גרויס סיעתא דשמיא, ווייל יענעם פרייטאג נאכמיטאג זענען זיי שוין געקומען זוכן אים צו ארעסטירן לויט טאבאק'ס פשעטל אז ווייל ער איז געגאנגען אין פאליציי סטאנציע איז ער יא יו-טי-עי, און במילא האט ער עובר געווען אויפ'ן געזעץ מיט'ן נישט פאלגן די יו-טי-עי סובפינע צו קומען רעדן מיט די אויטאריטעטן.

גאנץ שבת האט די פאליציי און די פאבליק סעיפטי זיך ארומגעדרייט נעבן ר' משה אפרים'ס הויז אים צו נעמען אין ארעסט. מוצ"ש האט ער באקומען די נייעס אז מ'וויל אים ארעסטירן און ער איז פון דארט באלד געפארן קיין מאנטריאל – מ'האט נאך דאן גרינגער געקענט אריבערגיין די גרעניץ ווי היינט – וואו ער האט זיך אויפגעהאלטן א וואך צייט בעפאר ער איז געפארן קיין ארץ ישראל.

זונטאג יתרו איז פארגעקומען א דינער פאר די קרית יואל'ער מוסדות אין וויליאמסבורג, וואו רעדנער נאך רעדנער האבן געשילדערט דעם שרעקליכן מצב אין וואס די מוסדות זענען אריינגעפאלן, וואס ביז דאן האט מען שוין אויך היפש אונטערגעהינקעט, און יעצט איז זיי נאך אנגעפאלן די צרה וואס האט אנגעווארפן אזא פחד, אזש יעדער האט געציטערט זיך אפילו אפצוגעבן מיט'ן מוסד אויס זארג אז ער זאל נישט זיין דער קומענדיגער כפרה הינדל.

אחד הי' דער רבי זי"ע וועלכער האט זיך ארויסגעשטעלט זייער פעסט. קודם האט ער אין די דברות קודש אויסגעשמועסט ווי מ'זעט פון קרית יואל די ווייטע אויגן פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואס אן קרית יואל וואלט אפילו וויליאמסבורג שוין געהאט צופאלן אין די יארן זינט די הסתלקות.

דערנאך האט דער רבי געשילדערט דעם ביטערן מצב אין וואס די מוסדות געפינען זיך, אז מ'האט שוין וואכן לאנג נישט געצאלט פאר די מלמדים וועלכע גייען אן בלויז מיט מסירות נפש, און דערצו יעצט האט זיי באטראפן דער ביטערער פעקל וואס ברענגט אז יעדער האט מורא אפילו נאר צו ארבעטן דערמיט.

נאך א לענגערן ביאור אין די גמרא (ברכות ה:) "מי עביד קוב"ה דינא בלא דינא", און נאכ'ן מבטיח זיין אז עס וועט זיכער געשען א נס און די מוסדות וועלן געראטעוועט ווערן (זעט דברות קודש בייגעלייגט), האט דער רבי געזאגט א מורא'דיגן געדאנק אז דער גאנצער פראבלעם איז נאר געשען כדי צו געבן א געלעגנהייט פאר די אידן אין וויליאמסבורג צו קומען צו הילף פאר די שטאט קרית יואל, ווייל די קרית יואל'ער מוסדות קענען זיך נישט אויפהאלטן בדרך הטבע צוליב דעם אויסטערליש שנעלן וואוקס בליעה"ר, און דער אויבערשטער האט געוואלט אז די אידן אין וויליאמסבורג זאלן זיך מזרז זיין ארויסצוהעלפן פאר קרית יואל, און דערפאר איז געשען וואס ס'איז געשען! "אויב די אידן דא וועלן העלפן, וועט זיכער געשען דער נס, ס'וועט אראפגיין דער דין!".

אויסער די פייערדיגע דרשה וואס האט אריינגעבלאזן א שטראל פון האפענונג און חיזוק אין די פארלוירענע קרית יואל'ער אידן, האט דער רבי פארגעזעצט כסדר מחזק צו זיין די אלע אידן וועלכע זענען געווען פארלוירן און באזארגט פאר זייער עתיד.

יענע וואך איז אויך געווען די

## מתוך דברות קודש של מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

### אצל דינער לטובת מוסדות קרית יואל בוויליאמסבורג, א' יתרו תשמ"ח

דא האמיר פריער געשמועסט ס'איז אן עת צרה אויף קרית יואל ל"ע, **איך בין זיכער בטוח אז דער אויבערשטער וועט העלפן, בטוח אני בכוחו של אותו זקן אז דער פעטער וועט נישט פארלאזן דאס שטעטל**, און מ'וועט אנגיין מיטן אייבערשטנס הילף ווייטער אזוי ווי ער האט געוואלט.

ער האט אויף דעם אסאך טרערן פארגאסן, ווייס מיר דאך וואספארא כוחות דאס האט אים געקאסט, ער האט געהאלטן אז אן דעם האט ער גארנישט געטאן... מ'האט אים, דער אמת איך בין אויך בתוכם געווען און אנדערע אידן אויכעט, נישט געקענט פארשטיין. א טייל האבן געהאלטן גאר ס'איז נישט גוט די גאנצע מעשה, ס'וועט שאטן גאר פאר אידישקייט אויך.

אבער ער האט דאך בעסער געזען ווי אונז, היינט קען מען זיך נישט משיג זיין וואס וואלט ווען געוועזן ווען ס'איז נישטא קיין קרית יואל, וואס העט מיט אונז דא געוועזן אין וויליאמסבורג, ווי האט מען זיך ווען געהאלטן.... טאמער וואלט נישט געווען קיין קרית יואל העט מען זיך דא ווען צולאפן אין די גאנצע שטאט [ניו יארק]....

.....און אזוי היצטערט איז אויסגעקומען אז ס'איז געווארן א צרה, די צרה איז אזויווי מ'האט פריער דערמאנט וואס איז דא געשען דען? איז געשען נאר אזויפיל ווייל קרית יואל איז נישט במציאות ס'זאל זיך אויפהאלטן אייגענע מוסדות, ס'וואקסט קע"ה אזוי גיך, און ארויסגעגאנגען זענען דוקא די וואס האבן גרויסע משפחות, די וואס האבן קליינע האבן זיך דא געהאלטן, געטראפן א דירה, ס'איז דאך שווער צו וואוינען דא ס'קאסט טייער...

...נו איז אזוי, האבן זיי געמוזט טאן, בארגן לייען, איר ווייסט וויאזוי דאס זעט אויס מ'זאל קענען אנגיין, איז געשען א מסירה, ס'איז גארנישט געווען קיין עבירה חס ושלום גארנישט, אבער וואס זאל מען טאן, ביי אומות העולם קען מען נישט, זיי זענען געוואוינט צו פירן אזא ווערטשאפט, זיי האבן נישט קיין השגה אויף די זאכן, א איד דרייט געלט, גרויס געלט, זיי קענען דאס נישט פארשטיין, וואס הייסט ער האט געליגן געלט, מ'האט אים נישט געצאלט קיין צינזן, פארשטייט ער דאס גארנישט.....

....שטייט יעצט קרית יואל ממש פאר א צוזאמענברוך!

....על כל פנים, דער מצב איז איום ונורא...

**איך בין זיכער אז מיר וועלן זיך אלע אוועקגעבן אז מ'זאל קענען אנגיין ווייטער בין איך זיכער דער אייבערשטער וועט העלפן אז ס'וועט געשען דער נס..... אז אונז וועלן מיר זיך אהערגעבן פאר קרית יואל ווי ס'געהער צו זיין וועט ווערן אויס דין! ס'וועט אזוי זיין וועט געשען א נס מ'וועט קענען אנגיין, וויאזוי דער נס וועט קומען ווייס איך נישט אבער איך בין זיכער אז ער וועט קומען דער נס**

געשיכטע מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן דעם ארטיקל ווען הרה"ח ר' אליעזר ווייס איז אריין צום רבי'ן דערציילן אז די חברה זוכן אים אויך, פון די יארן ביז תשמ"ו ווען ער איז געווען אדמיניסטראטאר פון די מוסדות, און דער רבי האט אים בארואיגט און אוועקגעמאכט דאס גאנצע עסק אז ער דארף זיך גארנישט זארגן, און ווי דערמאנט האט אים דער רבי געזאגט אז ער דארף ניטאמאל נעמען קיין אדוואקאט!

## *א מושב בי"ד אין ירושלים*

וויבאלד די ביכער זענען דאך געווען פארשווינדן, האט טאבאק אנגעהאנגען זיין גאנצע קעיס בעיקר אויף די צוויי אידן וועלכע זענען אנטלאפן קיין ארץ ישראל, ר' משה אפרים און ר' אליעזר, און יענע הנהלת המוסדות האט אויך געקענט באשטיין אז טאבאק זאל זיך פארלייגן בעיקר אויף די וואס זענען נישט דאהי, אזוי אז די גאנצע מעשה איז אנגעקומען צו א וואנט. אבער די שרעק האט נאך אלץ נישט נאכגעלאזט.

טאבאק און זיינע שלוחים האבן נישט אויפגעהערט צו זוכן און נישטערן וואו זיי האבן געקענט. דער פחד איז געווען אזוי גרויס אז יעדעס מאל וואס איינער פון די צוויי האט געוואלט רעדן צו זיין משפחה האט מען געדארפט גיין זוכן א פאבליק טעלעפאן, און דוקא איינע וואס איז נישט נאנט צום שטוב, אויס מורא אז זיי הערן זיך אונטער די טעלעפאנען.

ר' משה אפרים האט געהאט געשיקט א בריוו נאך פון מאנטריאל צו די הנהלה אז זיי זאלן אים נישט נוצן אלס שמאטע און נישט פרובירן ארויפצולייגן אלעס אויף זיין נאמען, ווייל ער וועט נאך עווענטועל אהיימקומען.

עטליכע וואכן שפעטער איז ר' אליעזר אהיימגעקומען און זיך געשטעלט פאר די רעגירונג, אבער ער איז נישט געווען דער עיקר וועמען זיי האבן געזוכט, ווייל ער האט דאך קיינמאל נישט עובר געווען אויף די סובפינע, זיי האבן בעיקר געזוכט צו כאפן ר' משה אפרים וועלכער האט געהאט אויף זיך אן ארעסט באפעל, ווי אויך אלס בוקקיפער האבן זיי אים חושד געווען אין דאס ערגסטע, ווי כאילו ער איז געווען באלעבאס אויף אלעם וואס טוט זיך אפ צווישן יענע פיר ווענט.

אינצווישן האט ר' משה אפרים געזען אז ס'איז נישט קיין תכלית און אויף זיין בקשה איז פארגעקומען א ספעציעלער מושב בי"ד דורכ'ן בי"ד הגדול שבירושלים וואו ער האט פארגעלייגט די גאנצע געשיכטע מיט אלע פרטים ודקדוקים, און ער האט באקומען פון זיי קלארע הוראות וואס ער מעג יא זאגן און וואס נישט. ער האט אויך אויפגענומען א פריוואטן אדוואקאט אין אמעריקע, וויבאלד מ'האט אים שוין איינמאל געווארפן איבער'ן דראנג.

פון די אנדערע זייט וואסער האט מען שטארק געציטערט, ספעציעל נאכ'ן הערן אז ער האט באקומען הוראות וואס ער מעג זאגן. טאבאק האט געהאט ארויפגעלייגט א הויכן בעיל פון $100,000 וואס ר' משה אפרים מוז איינלייגן ווען ער קומט צוריק, וויבאלד ער איז דאך שוין איינמאל אנטלאפן. פארשטייט זיך אז ר' משה אפרים האט נישט געהאט דאס געלט איינצולייגן און אויב ער קומט ווען צוריק בלייבט ער זיצן ביז נאכ'ן געריכט, ווידעראום פון די הנהלת המוסדות האט קיינער נישט געהאלטן ביים אויסלייגן דאס געלט פאר די בעיל, ווייל זיי האבן טאקע נישט געוואלט ער זאל צוריקקומען...

ווען טאבאק האט דערשמעקט אז די מוסדות ווילן נישט אויסלייגן די בעיל, האט ער באשלאסן אז ס'מוז זיין אז ר' משה אפרים איז טאקע דער שליסל צו די קעיס, והראי' אז זיי האבן אזוי שטארק מורא פון אים. דעריבער האט ער געמאכט א טריק, ער האט געמאלדן פאר ר' משה אפרים דורך זיין אדוואקאט אז ער נעמט אראפ דעם פארלאנג פאר בעיל און אויב ער קומט צוריק און שטעלט זיך פאר'ן געריכט וועט ער באלד ארויסגיין פריי.

כך הוה. ר' משה אפרים איז אהיימגעקומען, אבער ווען ער האט זיך געשטעלט פאר'ן ריכטער האט יענער זיך קודם אנגערופן אז "איך וואלט אים געלאזט קודם זיצן פאר מינימום דריי טאג" פאר די חוצפה פון אנטלויפן, אבער טאבאק, וועלכער האט זיך איינגערעדט אז ער גייט באקומען הייסע ווארע פון ר' משה אפרים האט געבעטן דעם ריכטער ער זאל אים באלד ארויסלאזן.

ווי פארוואונדערט איז ר' משה אפרים געווארן ווען ער האט געענדיגט מיט'ן ריכטער און יענער פירט אויס אין א זאפטיגן געשמאקן אידיש "האסטו פארשטאנען?"... ערשט דאן איז ער געוואויר געווארן אז דער ריכטער איז אויך מזרע ישראל, פון די סארט וועלכע האבן פיינט אן ערליכן איד, און פארשטאנען למפרע פארוואס מ'וואלט אים 'געדארפט' איינזעצן.

די אידישע שונאי ישראל...

## *דער נס איז אנגעקומען!*

למעשה ווען ר' משה אפרים האט זיך אראפגעזעצט מיט טאבאק דאס ערשטע מאל און יענער האט ארויסגענומען די צוויי טשעקס אויף וואס ער האט געהאט געפלאנט צו בויען זיין גאנצע קעיס, רופט זיך אן ר' משה אפרים "איין מינוט, איך האב נאך בכלל נישט געארבעט אין די מוסדות אין יענע יארן?!". נאך א קורצער איבערזיכט האט זיך ווירקליך ארויסגעשטעלט אז ער איז גערעכט, און זיין עדות'שאפט איז אינגאנצן נישט רעלעוואנט צו די גאנצע קעיס! טאבאק איז געבליבן זיצן אן אפגעפאטשטער.

ער האט נאך אלס נישט נאכגעלאזט. ער האט דאך געשמעקט אז עפעס גייט דא פאר, און איז געווען זיכער אז ער דארף נאר גריבלען אביסל מער וועט ער טרעפן וואס ער זוכט.

פלוצלונג אבער, איין שיינעם אינדערפרי, איז טאבאק ארויפגעקומען אינעם אפיס פון די מוסדות און אפגעברענגט אלעס וואס ער האט געהאט גענומען אן אנגעבן קיין פארוואס און פארווען. ער האט זיך נאר געזעגנט מיט א ווארענונג אז ער וועט ווייטער האלטן א שארף אויג אויף די ווייטערדיגע אקטיוויטעטן פון די מוסדות, און ער וועט נאך איין טאג צוריקקומען.

און אזוי, אן קיין זיי געזונט, איז ער פארשווינדן פון וואו ער איז געקומען. מער האט מען פון אים נישט געהערט!

דער מייסטער אדוואקאט נעיטען לואין האט זיך דאן אויסגעדרוקט אז ער האט נאך אזאנס אין זיין לעבן נישט געזען, אז די רעגירונג זאל איינעם אפלאזן אזוי מיר נישט דיר נישט, אינדערצייט וואס אלע סימנים האבן געוויזן אז דא איז פאראן וואס צו טרעפן!

* * * * *

נאך וואס די פרשה האט זיך אזוי פלוצלונג געענדיגט זענען נאך אלץ געבליבן געגוג נאכווייען. יעדער האט געציטערט צו האבן מיט די מוסדות אפיר, קיינער האט דאך נישט געוואוסט וואס דער מארגן וועט ברענגען, און צי ער וועט נישט צוריק אויסוואקסן פון א פרישן לעכל.

דאן האט דער רבי זי"ע ווידער גענומען די זאך אין דער האנט אריין, ווי א געניטער מנהיג ישראל, און זיך אריינגעלייגט צוריק אויפצובויען די מוסדות און דאס שטעטל, וואס איז געלעגן ממש אין חורבות [אויך צוליב אנדערע סיבות און אן אלגעמיינע אומבאלומפערטע ווירטשאפט].

פונקט ווי ער האט פארארבעט מיט הימלישע כוחות בטל צו מאכן די גזירה בשמים, ווי מ'האט גאנץ אפן געזען ביי די דרשה און דערנאך וואס ער האט זיך אויסגעדריקט פריוואט פאר מענטשן מיט'ן פולסטן בטחון אז ס'איז נישטא פון וואס מורא צו האבן – וואס בגודל ענוותנותו האט ער דאס אלעס אנגעלייגט בלויז אויפ'ן פעטער'ס כוחות, כדרכו בקודש – האט ער אבער אויך געארבעט בידי אדם מיט אלעם וואס מעגליך אז די הייליגע מוסדות וואס דער רבי זי"ע האט מייסד געווען זאלן ח"ו נישט צוגרונד גיין, און אז די שטאט זאל זיך נישט צופאלן, וואס האט דאן אויסגעזען א גאנץ ערנסטע מעגליכקייט.

פאקטיש האט דער רבי זיך אריינגעווארפן דערין בלב ונפש נאך אינמיטן די שרעקעדיגע צייטן ווען קיינער האט נישט געאנט מה יולד יום. נאך ביי די פריערדערמאנטע דרשה דערציילט שוין דער רבי אז 'די' אידן האבן טאקע מורא ווייטער צו ארבעטן, אבער ער האט שוין גערעדט פריוואט מיט אנדערע פרישע עסקנים וועלכע זענען גרייט אריינצושפרינגען אין הייסן טאפ און איבערנעמען אויף זיך די מלאכה כבידה פון צוריק אויפבויען דאס שיעור-חרוב געווארענע שטעטל.

[ער האט אבער נישט אויסגעזאגט דעם 'סוד', וואס די אידן זאגן היינט קלאר, אז די אריינקומענדע חברי הנהלה זענען אלע בלויז אריינגעקומען אויפ'ן רבי'נ'ס פלייצע, זייענדיג בטוח בכוחו של אותו זקן, און נאר אדאנק דעם רבי'נס קלארע הבטחות אז לא יאונה להם כל און האבן זיי מסכים געווען דאס אנצונעמען, וואס האט דאן אפגעראטעוועט דאס שטעטל בגשמיות וברוחניות, פשוטו כמשמעו].

מיט גרויס סיעתא דשמיא האט דער רבי אריינגעשטעלט דאן א צאל פרישע געטרייע חברי הנהלה, וועלכע האבן באקומען די ערשטע הוראה זיכער צו מאכן אז פון היינט און ווייטער איז די גאנצע ווירטשאפט פולקאם אויסגעהאלטן אויף הונדערט פראצענט. און דער רבי זי"ע האט זיך געשטעלט אונטער זיי מיט'ן גאנצן תורה'דיגן אויטאריטעט און רוחניות'דיגער כח, זיי ריכטנדיג כסדר אויף יעדן טריט און שריט צום ריכטיגן וועג.

עווענטועל האט די שטאט קרית יואל באוויזן בכחם וזכותם של רבותינו הקדושים זי"ע זיך צו שטעלן אויף די פיס ביז זי אויסגעוואקסן צו דער עיר כלילת יופי וואס זי איז היינט צו טאג, אבער דאס אלעס וואלט קיינמאל נישט צושטאנד געקומען ווען נישט דעם כח תורתו וצדקתו פון אונזער הייליגן רבי'ן.

אף שם עומד ומתפלל.

# אלו שזכו בגורלות

## שע"י קהלתינו הק' בחודשיים האחרונים

1) **$1,000 סערטיפיקאט, זאל בא' מבניני המוסדות**
– מוהר"ר יואל ברח"א ליכטמאן הי"ו

2) **$1,000 סערטיפיקאט, פרשיות לתפילין** (הר"ר יעקב פארגעס)
– מוהר"ר משה אליעזר ניימאן הי"ו

3) **$1,000 סערטיפיקאט,** Exquisite Furniture
– מוהר"ר וואלף פערל הי"ו

4) **$1,000 סערטיפיקאט,** Salko Kitchens
– מוהר"ר עמרם יצחק וויינשטאק הי"ו

5) **פראכטפולער שטריימל, מיללער שטריימלעך**
– מוהר"ר חנני' יו"ט ליפא עקשטיין הי"ו

6) **פסח סדר סעט, שפילמאנ'ס עמברוידערי**
– מוהר"ר יואל ברא"א פליישמאן הי"ו

7) **קריסטאל זילבער ברוינפן סעט,** Heritage Silver
– הרה"ג ר' נחום שמשון שווארץ הי"ו

8) **סעט בתים, ר' חיים אלי' צוויבל**
– מוהר"ר ברוך יודא דרעזדנער הי"ו

9) **$500 סערטיפיקאט,** All In One Appliances
– מוהר"ר שמעון יצחק גאטליעב הי"ו

10) **$500 סערטיפיקאט,** ALL IN ONE Appliances
– מוהר"ר פנחס אלימלך ווייסמאן הי"ו

11) **$350 סערטיפיקאט, פעדער'ס גראסערי**
– מוהר"ר שרגא יצחק גאנדל הי"ו

12) **$350 סערטיפיקאט, פעדער'ס גראסערי**
– מוהר"ר אברהם שמואל פריעדלענדער הי"ו

13) **$300 סערטיפיקאט,** Luxury Lighting, Chandelier
– מוהר"ר אברהם שמעון רייך הי"ו

14) **$300 סערטיפיקאט,** Luxury Lighting Chandelier
– מוהר"ר יואל ברי"צ פריינד הי"ו

15) **$300 סערטיפיקאט,** Luxury Lighting, Chandelier
– מוהר"ר יחזקאל ברב"א ווערצבערגער הי"ו

16) **$300 סערטיפיקאט,** Ringo Paper Goods
– הרה"ג ר' יושע שמאיע הי"ו

17) **$300 סערטיפיקאט, ר' יואל גרינפעלד, מוזיק פאר חתונה**
– מוהר"ר יואל בר"ש זאבעל הי"ו

18) **$250 סערטיפיקאט, לאנדא'ס גראסערי**
– הרה"ח ר' יצחק מארקאוויטש הי"ו

19) **$250 סערטיפיקאט, לאנדא'ס גראסערי**
– מוהר"ר יצחק קטינא הי"ו

20) **$250 סערטיפיקאט, לאנדא'ס גראסערי**
– מוהר"ר מרדכי ברנ"ה קאהן הי"ו

21) **$250 סערטיפיקאט, לאנדא'ס גראסערי**
– מוהר"ר נחמי' ברי"ב ווערצבערגער הי"ו

22) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– הרה"ח ר' דוד ברק"א עקשטיין הי"ו

23) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– הרה"ח ר' שמעון משה קעפעטש הי"ו

24) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– הרה"ח ר' שלמה משה קלאגסברוין הי"ו

25) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– הרה"ג ר' חיים לייב זילבערשטיין הי"ו

26) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר משה מרדכי מאיערס הי"ו

27) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר יעקב אלי' רייזמאן הי"ו

28) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר יואל ברי"ח גוטמאן הי"ו

29) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר קלמן אליעזר ברא"י עקשטיין הי"ו

30) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר מאיר זאב פרידריך הי"ו

31) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר שלמה צבי בר"א עקשטיין הי"ו

32) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר מרדכי ברי"ד הירש הי"ו

33) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר יואל ברמ"ד ווידער הי"ו

34) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר ישראל מרדכי שטערן הי"ו

35) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– הרה"ג ר' חיים לייב זילבערשטיין הי"ו

36) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר שלמה צבי פעלדמאן הי"ו

37) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר בנציון קליין הי"ו

38) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר יוחנן מאנן הי"ו

39) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר משה שמואל רובינפעלד הי"ו

40) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר יואל חיים לעבאוויטש הי"ו

41) **$100 סערטיפיקאט, האפמאן'ס אפטיקל**
– מוהר"ר שמעון אלעזר טורנהיים הי"ו

קהל יטב לב ד'סאטמאר

מעמבערשיפ קאמפיין

# התודה והברכה

צום שלוס פון די ערשטע פאזע אינעם "מעמבערשיפ קאמפיין" פון תשע"א ווילן מיר אויס אויסדריקן אונזער טיפסטן דאנק פאר די חשוב'ע נדבנים וועלכע האבן בייגעשטייערט פאר די צענדליגער גורלות, וואס האט גאר שטארק ארויסגעהאלפן קהלתינו הק' אין א שווערע תקופה, ה"ה

- **הנהלת מוסדותינו הק'**
- **האפמאן'ס אפטיקעל**
- **מיללער שטריימל**
- **ר' יעקב פארגעס**
  **פרשיות לתפילין**
- **לאנדא'ס גראסערי**
- **Salko Kitchens**
- **Exquisite Furniture**
- **All in One Appliances**
- **Luxury Lighting**
- **שפילמאנ'ס עמברוידערי**
- **פעדער'ס גראסערי**
- **ר' חיים אלי' צוויבל,**
  **סעט בתים**
- **Ringo**
- **ר' יואל גרינפעלד**
  **מוזיק פאר חתונה**

ישלם ה' פעלם, ותהי משכורתם שלימה מעם ה'. אמן

הנהלת הקהלה

*בונים היכל לה' אלקי ישראל!*

# ענדגילטיגע בוי-פלענער פונעם פראכטפולן בית הגדול והקדוש, צענטראלער ביהמ"ד "ישמח משה" אין "שכונת ברך משה" ווערט פארענדיגט אין די טעג

## עסקני "ועד קרן הבנין" שטארק ערמוטיגט נאך אסיפה מיט ראשי קהלתינו הק' פארגאנגענעם זונטאג טהרה - אנהויב פון בוי-ארבעט באשטימט אויף נאך חג פסח בעז"ה

מיט גרויס שמחה דקדושה ווערט אויפגענומען די בשורה טובה ומרנינה, איבער דעם נייעם פראכטפולן בית הגדול והקדוש, דער בית המדרש החדש "ישמח משה" ד'קהלתינו הק' וואס מ'גרייט זיך אט אנהייבן צו בויען בעז"ה צו דינען אלס דער צענטראלער ביהמ"ד אינעם הערליכן און שפרודלדיגער "שכונת ברך משה" געגנט, פאר די הונדערטער איינוואוינער פונעם גאנצן אומגעגנט.

ווי פריידיג באקאנט, זעצט פאר דער וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל כ"י אויף א הערליכן אומגלויבליכן פארנעם, און די הרחבת גבולי הקדושה גייט אן אויף א זעלטענעם אופן, בסייעתא דשמיא ובכוחו של אותו זקן מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע, מחולל ומייסד העיר.

ס'איז פשוט א נחת רוח גשמי ורוחני צוצוזען ווי ס'האלט אין איין צוקומען פרישע געגנטער און דעוועלאופמענטס אין אלע ווינקלען פון שטאט, און דערמיט שטייגט די רוחניות'דיגע געבוריכן פון די שטאט, נעמליך אהערצושטעלן בתי מדרשים פאר אנשי שלומינו און די נייע מאסיוו באוואוינטע געגנטער אין די שטאט.

אבער ספעציעל דערקענט זיך דער געבורויך ווען די רעדע איז פונעם הערליכן און שפרודלדיגער "שכונת ברך משה" וועלכע וואקסט און בליעהט לשם ולתפארת, א שכונה וועלכע איז ווי באקאנט אויפגעשטעלט געווארן ע"ש מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע, וועלכער האט געלעבט און געאטעמט מיט קרית יואל, און אומאויפהערליך ארויסגעברענגט זיין אויסטערלישע שמחה יעדעס מאל וואס ער האט געזען ווי "דעם פעטער'ס שטעטל" צושפרייט זיך ימה וקדמה צפונה ונגבה.

פון די פונדאמענטן וועלכע זענען אראפגעשטעלט געווארן באלד מיט'ן אויפבויען די שכונה איז געווען דאס אויפשטעלן דעם ביהמ"ד "ישמח משה" שע"י קהלתינו הק', וועלכע איז אויסגעוואקסן אלס פראכטפולער מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער תושבים, און וואו עס טוט זיך שטארק אנזעהן די ברידערליכע און אחדות'דיגע אטמאספערע וואס הערשט וואס מען לעבט אינאיינעם די נאנט צו הונדערט און פופציג איינוואוינער כ"י, תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

נישט לאנג צוריק האט דער ביהמ"ד און די גאנצע שכונה באקומען א געוואלדיגן חיזוק שטופ ווען כ"ק רבינו שליט"א האט ממנה געווען זיין חשוב'ן איידעם הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א צו דינען אלס רב אין ביהמ"ד, וואס האט זאפארט שטארק אויפגעהויבן דעם ביהמ"ד עשר מעלות און אריינגעברענגט א רוח של תורה און פולע הויפענעס מיט התרוממות אין די גאנצע אומגעגנט, און זינט דאן איז דער רב משפיע מהוד תורתו פאר די גאנצע סביבה, פארלערנענדיג שיעורים תמידין מידי יום ביומו ומידי שבת בשבתו.

אינצווישן איז אבער דער ביהמ"ד געווארן צר מהכיל, יעדע וואך ציען זיך אריין פרישע תושבים, און מער און מער איינוואוינער זענען זיך קובע מקום אין דעם ביהמ"ד, אזוי אז ס'איז געווארן קריטיש וויכטיג צוצושטעלן א נייעם רחבות'דיגן מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער מתפללים ולומדים.

די לעצטע חדשים האבן טעטיגע עסקני השכונה זיך אריינגעווארפן אין די "קרן הבנין" ארבעט וואס האט באוויזן צו מאכן א ריזיגן פארשריט ב"ה, און זעצט פאר מיט א העפטיגן פיבער דורך די איבערגעגעבענע עסקנים וועלכע ארבעטן אן אויפהער אהערצושטעלן דעם פראכטפולן בית מקדש מעט אויפגעשטעלט כלול בהדרו דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

דעם פארגאנגענעם זונטאג טהרה (מצורע) איז פארגעקומען א וויכטיגע זיצונג צווישן די עסקני הביהמ"ד מיט ראשי קהלתינו הק', וואו די חשובע עסקני הקהילה האבן געגאסן פון א שטארקע חיזוק און מוט ממשיך צו זיין ווייטער מיט די עבודת הקודש.

נאכן זיצונג שטייט מען ווייטער אין פארבינדונג מיט הנהלת הקהילה און די הנהלת הקרי', וועלכע לייגן אריין גרויסע כוחות ארויסצוהעלפן די עסקנים מיט אלעם וואס מעגליך. ספעציעל ווערט ארויסגעברענגט א דאנק פאר'ן מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א און דעם אימערמידליכן ווילעדזש אדמיניסטראטאר הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו, וועלכע שטייען צו די רעכטע האנט פון די עסקני הקהלה מיט אלעם נויטיגן אז די ארבעט זאל קענען וואס שנעלער פארענדיגט ווערן על צד היותר טוב.

לויט'ן פלאן האפט מען בע"ה אריינטרעטן מיט'ן רעכטן פיס אנצוהויבן די פאקטישע מלאכת הבני' באלד נאך פסח בעז"ה, פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונגען. ויה"ר שחפץ ה' בידם יצליח.

תושבי קרית יואל בכלל און די תושבי השכונה בפרט וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען עוסק אין דעם פראיעקט, אז זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין זייער אונטערנעמונג להרחבת גבולי התורה והקדושה, ולהגדיל תורה ולהאדירה.

כי עתה הרחיב ה' לנו.

## דברות קודש

### שהשמיע כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

אצל התמנותו של הגה"צ רבי **שמעון זאב מייזליש** שליט"א חדב"ן
רב דביהמ"ד ישמח משה

מ'האט אויפגעבויט אזא הערליכער געגנט "שכונת ברך משה". ס'איז פארן טאטן זכרונו לברכה א כבוד, וואס ער האט זיך אזויפיל אוועקגעגעבן פאר קרית יואל, און אז מ'האט געבויט א נייע געגנט האט מען עס א נאמען געגעבן לשמו ולזכרו, וואס דארט וועט ווען זיך אנטוויקלען א שיינע געגנט.

דארף מען דאך האבן דארט אלע צרכי הקהילה, און ס'דארף זיין א איש על העדה, האט מען יעצט אויפגענומען פאר רב מיין חשוב'ן איידעם, א תלמיד חכם וירא שמים, נח לשמים ונח לבריות, א מגיד מישרים, דער אויבערשטער זאל העלפן אז ער זאל קענען פירן דאס ביהמ"ד לשם ולתפארת, פארלערנען שיעורים, און זעהן אז ס'זאל זיין ערליך און ס'זאל זיך האלטן.

... הצלחה און סייעתא דשמיא, דער אויבערשטער זאל העלפן 'ויהי ד' אלוקיו עמו' צו קענען מצליח זיין אין אלע ענינים, להורות את דבר ד', פסק'ענען שאלות, און אלעס וואס מ'דארף צו טון, ווי א רב בישראל האט זיך געפירט בכל תפוצות ישראל.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז אלע זאלן האבן הצלחה און סייעתא דשמיא צו קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, ימה וקדמה צפונה ונגבה, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן 'עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל', דער ביהמ"ד איז נאך א קליין ביהמ"ד, אבער 'זה הקטן גדול יהיה'... מ'וועט נאך אי"ה אויפבויען א בית המדרש כראוי וכיאות, ס'וועט אי"ה זיין א גרויסער ביהמ"ד, מיט א מקוה, ווי עס איז שוין דא אין אנדערע בתי מדרשים אין קרית יואל, און דאס אלעס וועט נקבע ווערן אין ארץ ישראל, נישט נאר דאס ביהמ"ד, נאר אלע הייזער, און אלע גאסן אין אזא הייליגע שטאט, אלעס וועט גיין קיין ארץ ישראל. מ'זאל שוין זוכה זיין דערצו, במהרה בימינו, אמן.

# אין דער וועלט פון כשרות



אינפארמאציע צוגעשטעלט דורכ'ן "ועד הכשרות דקהל יטב לב ד'סאטמאר"

# מה נשתנה...

## פארוואס איז פארענדערט געווארן דער מצב אין כשרות אין די לעצטע יארן?

תלי"ת איז אין די לעצטע יארן אנשטאנען א געוואלדיגע אויפוואכונג ביי כלל ישראל בעניני כשרות, וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט האבן אידישע קינדער זיך אנגעהויבן שטארק פאראינטערעסירן אינעם מצב פון כשרות, פון הכשרים, און בכלל אכט געבן אויף אלעס וואס מ'נעמט אריין אין מויל.

די נאטורליכע ערשיינונג איז ווערד שטארק באגריסט צו ווערן, ווייל ווי יעדער וואס איז עוסק אינעם פעלד פון כשרות קען אייך מעיד זיין איז דער בעסטער מיטל צו האלטן דעם כשרות סטאנדארט אויפ'ן העכסטן ניווא וואס מעגליך, בלויז דורך דעם וואס דער ציבור וועט זיין פאראינטערעסירט און זיך כסדר נאכפרעגן אין ענינים וואס באצירן כשרות, סיי ביי די בעלי בתים פון די פירמעס און געשעפטן, ווי אויך ביי די בעלי מכשירים זעלבסט, וואס ברענגט אויטאמאטיש א שטארקע אינטערעסע און זהירות ביי יעדן איינעם.

פון די אנדערע זייט אבער הערט מען כסדר פון מענטשן פרעגן די שאלה "מה נשתנה"? פארוואס איז דוקא אין די לעצטע יארן געווארן אזא שטארקע אויפוואכונג אין די ענינים?!

די קשיא גייט נאך טיפער. לאמיר נעמען אלס ביישפיל די קריטישע טעמע פון ווערים אין פרוכט און גרינצייג. די זעלבע פרוכט און גרינצייג האט מען געגעסן אלע יארן, נישט נאר די לעצטע צענדליגער יארן דא אין אמעריקע, נאר אויך לאנגע הונדערטער יארן אינדערהיים אין אייראפע, אויב אזוי פארוואס האט מען קיינמאל נישט געהערט אז מ'זאל אזויפיל מקפיד זיין און זיך אפגעבן מיט דעם פראבלעם פון ווערים, וואס אלע בעלי מכשירים האלטן אין איין ווארענען דערויף?!

נאכ'ן הערן די פראגע אזויפיל מאל פארלאנגט זיך ארויסצוקומען מיט א ברייטע ערקלערונג דערוועגן, ספעציעל שטייענדיג אין די געהויבענע טעג פאר דעם יו"ט פסח, ווען כלל ישראל גיט זיך אכט מיט כל ערליי זהירות און חומרות נאכמער ווי א גאנץ יאר, ספעציעל אין וואס באצירט דעם ענין פון כשרות המאכלים, בעיקר בנוגע חמץ אבער אויך אין אלע עניני כשרות.

בפרט וואס צוליב די פילצאליגע חומרות וואס איז מנהג אבותינו בידינו אום פסח עסט מען אין די דאזיגע טעג פיל מער פרוכט און גרינצייג, וואס מאכט נאך וויכטיגער די טעמע פון כשרות ביי די דאזיגע מאכלים.

דעריבער וועלן מיר דא ברענגען די תשובות אויף די שאלה, סיי די רוחניות'דיגע תשובות וויאזוי עס ווערט אראפגעלייגט אין די ספרים הקדושים, ווי אויך אביסל אריינקריכן אין די גשמיות'דיגע זייט פון וואס ס'איז נשתנה געווארן אין די לעצטע יארן, און די זאכן וואס טוישט זיך ממש מדי חודש בחדשו.

### געבליבן וויייניגער מתקן צו זיין

צום ערשט דארף מען אראפברענגען א גאר אינטערעסאנטע בחינה וואס שטייט אין הייליגן ספר בני יששכר (שקלים מאמר ב' דרוש ז'), אין דעם באקאנטן שטיקל וואו ער איז מסביר אז אין יעדע עסנווארג ליגט א הייליגער ניצוץ וואס א איד דארף מתקן זיין דורך עסן בקדושה, און פארוואס דער אויבערשטער פירט אמאל צו אז אן איסור זאל בטל ווערן בשישים, וואס ס'איז א מצוה אז א מענטש זאל נישט מחמיר זיין און דוקא יא עסן א זאך וואס איז בטל געווארן בשישים כדי צו מתקן זיין די הייליגע ניצוצות, כידוע ומפורסם.

שרייבט ער דארט אינמיטן גאר אינטערעסאנט, און מיר ווען אים ציטירן ווארט ביי ווארט:

"און יעצט ווסטו פארשטיין, דאס וואס איז באקאנט פון די חז"ל (חולין יא.) אז רוב בהמות זענען כשר, און מיר זעען דאך היינטיגע צייטן אז ס'איז פונקט פארקערט. אבער לדעתי איז אין די פריערדיגע דורות געווען אסאך מער ניצוצות הקדושים וואס איז די גוטע בחינה אין זיי [די בהמות], און דערפאר זענען זיי געווען כשר אז אידן זאלן זיי עסן.

"אבער היינט וואס איז ס'איז שוין אויסגעקליבן געווארן רוב גוטע ניצוצות און ס'איז געבליבן זייער ווייניג, ווייל ס'איז עיקבתא דמשיחא וואס איז חוצפא יסגי, ד.ה. אז די שלעכטע ניצוצות זענען מער, דעריבער זענען עפ"י רוב די בהמות טריפה כדי אידישע קינדער זאלן זיי דוקא נישט עסן", עיי"ש.

מיט די הייליגע ווערטער איז גאר פשוט אז אויב דאס איז שוין געזאגט געווארן אין זיינע צייטן, מיט די קדושה וטהרה אין יענע פריע יארן פון די תקופת תלמידי הבעש"ט, וואס זאלן מיר שוין זאגן אין די 'ריכטיגע' עיקבתא דמשיחא...?! דאס ביסל ניצוצות וואס איז אונז פארבליבן מתקן צו זיין לאזט אונז איבער גאר ווייניג כשר'ע מאכלים.

### ווי די מענטשן אזוי די חיות

אן ענליכע בחינה כאטש אויף אן אנדערן מהלך זאגט רביה"ק זי"ע אין דברי יואל פר' שמיני (דף רנ"ו).

ער ברענגט דארט די גמרא (חולין סב:) אז רב פפא האט געהאלטן אז די "תרנגולתא דאטמא" איז טהור, ביז ווען מ'האט א צייט שפעטער געזען אז זי איז דורס און עסט אנדערע בעלי חיים, וואס מיינט אז זי איז יא געווען אסור. און רש"י לייגט דארט צו אויפ'ן פלאץ אז דערפאר טאר מען נישט עסן קיין עוף אן וואס מיר זאלן האבן דערויף א מסורה פון אונזערע עלטערן אז זי איז טהור, עיי"ש.

זאגט דער רבי זי"ע אן אינטערעסאנטע בחינה פארוואס די פריערדיגע דורות האבן יא געקענט עסן די תרנגולתא דאטמא, לויט די ווערטער פון הייליגן רמב"ן אין פר' בחוקותי אויפ'ן פסוק "והשבתי חיה רעה מן הארץ", אז בעפאר דעם חטא פון אדם הראשון איז נישט געווען אין די טבע אפילו פון די ווילדע חיות צו פארצוקן, נאר צוליב דעם חטא פון עץ הדעת איז נגזר געווארן אז די חיות זאלן אנהייבן פארצוקן אנדערע, און דער פסוק פארזיכערט אז אין משיח'ס צייטן וועט זיך אומקערן דער שלום אויף די וועלט, ווי באקאנט אז "א וואלף וועט וואוינען מיט א שעפעלע", און די ווילדע חיות וועלן פארלירן זייער טבע פון פארצוקן.

דאס זעלבע ברענגט דער רבי פון יפה תואר אז לעתיד וועט דער חזיר טוישן זיין נאטור און ווערן א טהור'ע חיה, און אזוי שרייבט אויך דער אור החיים הקדוש אז לעתיד לבא וועלן די טמא'נע חיות מעלה גרה זיין און ווערן צוריק טהור. זעט מען אז די טבע פון די חיות טוישט זיך לויט וויאזוי מענטשן פירן זיך אויף און ווי זינדיג זיי זענען.

לויט דעם זאגט דער רבי א מערקווירדיגן אויפטו אז ס'קען זיין אז די תרנגולתא דאטמא איז אין פריערדיגע דורות טאקע נישט געווען קיין עוף דורס! וויבאלד די וועלט איז נאך געווען ריינער און די מענטשן זענען געווען אין א העכערע מדריגה, האבן זיי משפיע געווען אויף די חיות אז זיי זאלן האבן א גוטע נאטור, און יענע צייטן איז באמת די פויגל נישט געווען קיין דורס און מ'האט עס במילא געמעגט עסן.

נאר שפעטער ווען די וועלט איז געווארן מער פארדארבן האט דאס געהאט א השפעה אויך אויף די חיות און ערשט דאן איז די תרנגולתא דאטמא געווארן א ווילדע פארצוקנדע פויגל וואס איז במילא געווארן טמא, און וועט שוין אזוי בלייבן ביז משיח'ס טאג, ווען אלע חיות וועלן פארלירן זייערע ווילדע נאטור צוליב וואס די מענטשן וועלן ווערן ריינער, עיי"ש.

דוכט זיך אז נאך די ווערטער פון רבי'ן זי"ע דארף מען גארנישט צוגעבן קיין שום הסברים פארוואס היינטיגע צייטן איז דער מצב אין כשרות אזוי שטארק פארערגערט געווארן, ספעציעל ביי די שרצים ורמשים, אזש עס גרייכט ביז אלערליי פירות און גרינצייג.

## מ'מאכט גארנישט אליין

אן אינטערעסאנטער געדאנק ווערט אויך געברענגט אויף דעם ענין, אז דער מצב היינט איז גאר דראסטיש געטוישט פון אמאל.

נישט אזוי לאנג צוריק האבן אידישע קינדער זיך אליין אפגעגעבן מיט כמעט אלע פון זייערע מאכלים. וואס מ'האט געדארפט האט מען געפלאנצט אין פעלד, מ'האט אליין געמאלקן די קיה, אליין געבאקן דאס ברויט, אא"וו אויף טריט און שריט וואס דער מענטש האט זיך אליין אפגעגעבן מיט זיינע אייגענע עסנווארג, קעגן היינט צו טאג וואס מ'טרינקט מילך געמאלקן אין פענסילוועניע, פרוכט און גרינצייג געפלאנצט אין מעקסיקא, און פיש געפאקט אין כינע...

ווי לאנג אידן האבן זיך געפארעט מיט זייער אייגענע עסן איז געווען דערין די נאטורליכע סיעתא דשמיא וואס באגלייט אידישע קינדער און העלפט זיי טאג טעגליך אנצוגיין מיט'ן אידישן לעבן, אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו. אבער היינט וואס די ארבעט ליגט בעיקר אין די הענט פון פרעמדע ארבעטער פעלט אינעם סיעתא דשמיא, און עס פעלט זיך אויס אז יעדער פאר זיך זאל אריינלייגן די ארבעט אין נאכזוכן ווי ווייט מעגליך דעם כשרות פון זיינע אייגענע מאכלים.

ביז אהער האבן מיר בעיקר בארירט די טעמע פון די רוחניות'דיגע זייט, אבער באמת דארף ארויסגעברענגט ווערן ווי ווייט די מציאות אין טעכנאלאגיע האט זיך געטוישט און וויאזוי דאס אפעקטירט נאטורליכן דעם גאנצן טאג טעגליכן הלוך ילך אויף יעדן ריר.

דאס אי"ה אין קומענדיגן ארטיקל

# כשרות בולעטין

**אינפארמאציע, ידיעות**
**אינערהאלב דעם כשרות וועלט**

## זיכער מאכן אז ס'איז פסח'דיגע פראדוקטן

עס זענען פאראן מערערע פראדוקטן וועלכע מ'קען באקומען א גאנץ יאר נישט כשר לפסח, און אויף פסח איז עס יא כשר לפסח (ווי צ.ב.ש. מילכיג'ס, דזשוס, אויל, פאטעטע טשיפס, געפילטע פיש, אייז קריעם א.א.וו), און וויפיל די געשעפט אייגנטימער געבן אכט אז עס זאל זיין אפגעטיילט, קומט פארט יעדעס יאר ארויס מכשולות (און צומאל ליידער חמץ גמור אין פסח, השם ירחם).

על כן איז זייער וויכטיג איבער צו קוקן די אלע פראדוקטן און מאכן זיכער אז עס שטייט דערויף "כשר לפסח".

## כריין פאר מרור

עס איז כדי צו קויפן כריין פאר מרור מיט זאמדיגע קעפ, צוליב דעם ווייל די וועלכע קומען אפגעשניטן די קעפ האט א חשש אז עס איז געשניטן געווארן מיט א גוי'אישע מעסער (טייל קאמפאני'ס שניידן דאס מיט מאשינען און א טייל מיט פשוט'ע מעסער'ס), און א דבר חריף ווערט אינגאנצן אסור אויב דער גוי האט איינמאל געשניטן מיט די מעסער דברים אסורים.

## בעבי פארמולא

ווי באוואוסט איז נישטא צו באקומען - דא אין אמעריקע - אין די לעצטע וואכן די בעבי פארמולא פון די פירמע "מטרנה" בהשגחת הביד"ץ עדה"ח, און אסאך זענען זיך מקיל און קויפן "מילכיגע פארמולא" פון אנדערע פירמעס וועלכע האבן נישט קיין פארלעסליכע השגחות, ע"כ טוען מיר מודיע זיין אז עס איז דא צו באקומען פארמולא (סיי פאודער און סיי ליקוואוד) מיט היימישע השגחות, און מ'זאל נישט מקיל זיין און נעמען די אנדערע וועלכע האט חששות פון חלב עכו"ם.

אין א פאל א קינד קען נישט נעמען עפעס אנדערש זאל מען עס איבערשמועסן מיט א מורה הוראה.

"פארווע פוידער" (נישט ליקוואוד) מעג מען יא נוצן אפילו אן א פארלעסליכע השגחה.

## בעבי פוד

אזוי אויך ווילן מיר מעורר זיין אויף דעם וואס מענטשן זענען מקיל און קויפן געקאכטע בעבי פוד (צב"ש עפל סאוס, וועזשטעיבלס א.ד.ג.) אן א פארלעסליכע השגחה, דארף מען וויסן אז די עסנווארג ווערן פראדוצירט אויפן זעלבן פלאץ וואו עס ווערט אויך פאבריצירט טריפה'נע עסנווארג און עס ווערט נישט געכשר'ט כראוי, ע"כ זאל מען אכט געבן און נישט קויפן די געקאכטע בעבי פוד - נישט די פארווע און אוודאי נישט די מילכיגע - אן א פארלעסליכע השגחה (אויך נישט ווען מ'באקומט עס בחנם פון WIC).

און א פאל א קינד קען נישט נעמען עפעס אנדערש זאל מען עס איבערשמועסן מיט א מורה הוראה.

## דישוואשער זייף

עס איז לעצטנ'ס נתפרסם געווארן איבער א געוויסע דישוואשער זייף, מיטן נאמען Action Pacs Ascade (דאס איז וואס קומט אין קליינע פעקלעך) וועלכע פארמאגט נישט קיין שום הכשר, און עס ענהאלט און זיך דזשעלאטין פון דברים אסורים, על כן טאר מען עס נישט נוצן.

ובכלל איז אייביג כדאי אז זייפן א.ד.ג. וואס קומען אין בארירונג מיט עסן אדער כלים זאל מען קויפן מיט א השגחה.

## ראבער בעקעלעך

די ראבער בעקעלעך וועלכע ווערט פארקויפט צום באקן זענען פאראן אזוינע וועלכע אנטהאלטן "סיליקאן" SLICON אין וועלכע א טייל ווערן אריינגעמישט נישט כשר'ע אויל.

דורכ'ן "וועד הכשרות" איז נתברר געווארן אז די פאלגענדע קאמפאני'ס ענהאלטן נישט די נישט כשר'ע אויל און מ'קען עס נוצן:

Silikomart (From Italy)

Pavoni (From Italy)

Demral (From France)

## ארץ ישראל וויינען

מ'דארף אכט געבן ווען מקויפט וויין עס זאל זיין נאר מיט א גוטע השגחה, ובפרט וויין וואס ווערט פראדוצירט אין ארץ ישראל דארף האבן גאר א פארלעסליכע השגחה ווייל ס'איז אויסגעשטעלט צו אסאך חששות ווי צב"ש, ערלה, תרו"מ, שמיטה, נגיעה ממומרים, וכדו'.

דער מציאות איז אז אסאך פון די מפוקפק'דיגע וויינען ווערט פארקויפט אין די היימישע געשעפטן און וויין שטיבלעך, עס איז די אחריות פונעם ציבור נישט צו קויפן די וויינען, און בכלל מחזק זיין די סוחרים נישט אריינצוברענגען די מפוקפק'דיגע וויינען צו אונזער מחנה.



#2

א גאסט אויף א ווייל:

# א באזוך אין מצה בעקריי

## מה נשתנה "בית האופה דקרית יואל" מכל הבעקרייען?

מ.ב.

### א הענטל פאר די הענט

פאריגן חודש זענען מיר שטיין געבליבן הארט ביים אריינגאנג צו דעם אויוון שטוב, אבער טאקע הארט ביים אריינגאנג האבן מיר זיך באגעגנט מיט נאך א העכסט אינטערעסאנטע פאטענט.

ווי באקאנט איז אין סאטמאר איינגעפירט געווארן דורך רביה"ק זי"ע אז מ'נוצט דוקא לאנגע האלצערנע שטעקענעס צו פירן די מצות פון וועלגערן שטוב צום אויוון, נישט ווי אין אנדערע בעקרייען וואו מ'נוצט אייזערנע שטעקענעס.

האט זיך אבער מיט די יארן ארויסגעשטעלט א פראבלעם אז די לאנגע האלצערנע שטעקענעס איז זייער שווער צו קענען געהעריג אפרייבן. אפילו ווען מ'האט אנגעהויבן נוצן די רייבן-מאשין - ווי דערמאנט אין די פאריגע אויסגאבע - איז נאך אלץ געווען אן עבודת הפרך אפצורייבן ווי געהעריג די גאנצע לענג פונעם שטעקן.

שפעטערדיגע יארן האט מען געמאכט א פאטענט ווי פאלגנד. די שטעקן קען טאקע נישט זיין פון אייזן, אבער דאס איז נאר דארט וואו די מצות ליגן, דארט וואו מ'כאפט אן דעם שטעקן איז דאך קיין שום פראבלעם אז ס'זאל זיין פון אייזן. האט מען גענומען די לאנגע שטעקענעס און געמאכט קורצער, נאר פון אונטן האט מען צוגעלייגט א הענטל פון אייזן אין וואס מ'שטעקט אריין דעם לאנגן שטעקן אויף וואס מ'פירט די מצות צום אויוון.

דערנאך ווען מ'וויל אפרייבן דעם שטעקן נעמט מען אראפ די אייזערנע הענטל, דער שטעקן ווערט פיל קורצער, און יעצט איז שוין פיל גרינגער אפצורייבן גענצליך דעם שטעקן ביז ס'ווערט שפיגל ריין.

למעשה איז אבער געווארן א פראבלעם, אז ביים צוזאמשטעלן די צוויי נאכ'ן אפרייבן האט מען אפט אנגעכאפט דעם שמוציגן אייזן אינאיינעם מיט די לאנגע האלץ, וואס האט צומאל ארויפגעלייגט שטויב פון איין הענט צו די אנדערע און פון דארט צוריק ארויף צום זויבערן האלץ, דעריבער איז ר' יצחק אייזיק איז אויפגעקומען מיט א מערקווירדיגן חידוש וואס ערלויבט אריינצושטעקן די האלץ אינעם אייזערנעם הענטל און וואס מ'זאל דארפן צורירן צום אייזן.

### איינציגע בעקריי געבויט פאר בעקריי

גייענדיג ווייטער ווערן מיר באלד אויפמערקזאם, וואס שפעטער ווערט מען געוואויר אז דאס איז אן אפטע שאלה וואס מ'הערט פון פרעמדע באזוכער אין די בעקריי, אז אינעם אויוון שטוב הערשט נישט די שרעקליכע היץ וואס מ'שפירט געווענליך אין א מצה בעקריי. ווי מ'איז געוואוינט צו זען עמערס שווייס זיך גיסן פון די שיבערס.

ליגט טאקע דערין א באזונדערער אייגנארטיגער אויפטו מיט וואס די קרית יואל'ער מצה בעקריי קען שטאלצירן: דער פאקט אז זי איז פון די איינציגע בעקרייען אין דער וועלט וועלכע זענען געבויט געווארן דירעקט פאר א מצה בעקריי, און נישט א ווערהאוז וכדו' וואס מ'האט פארוואנדלט אין א בעקריי.

די אויפטוען דערפון זענען פילפאכיגע, אבער איינס פון די וויכטיגסטע אויפטוען וואס דאס האט ערמעגליכט איז געווען דאס בויען לכתחילה דעם אויוון שטוב אויף א וועג וואס זאל האלטן די שטוב ווי קיל נאר מעגליך, אריינגערעכנט דאס אריינבויען א טייערן ווענטילאציע סיסטעם, ווי אויך עירקאנדישאן אין די דערנעבנדיגע שטוב וואס האלט די אויוון-שטוב גאר קיל, און אויסער וואס ס'מאכט פיל גרינגער די ארבעט פאר'ן שיבער און אלע וועלכע זענען עוסק אין די הייליגע מצוה, דויערט אויך לענגער ביז דאס טייגל ווערט אנגעווארעמט, וואס איז פארשטענדליך א שטארקער הידור אין מצות מצה.

### אויסשליסליך ריינע ווייץ!

פילייכט די גרעסטע אויפטו מיט וואס דער קרית יואל'ער בעקריי קען שטאלצירן איז דער פאקט אז זי האט געשפילט א קריטישע ראלע אין טוישן דעם



א בילד אינעווייניג אינעם אויוון שטוב, מערקט די אייזערנע הענטלעך פאר די לאנגע שטעקנס, ווי אויך דעם ספעציעלן געבוי פונעם שטוב עס צו האלטן ווי קיהל נאר מעגליך

גאנג פון היסטאריע, ווען כלל ישראל אין אמעריקע האט ענדליך געקענט אויספירן איר לאנגיאריגן טרוים צו באקן מצות פון ריינע ווייץ וועלכע האבן נישט אין זיך קיין שום מצומחות און מבוקעות.

ס'איז היינט גוט באקאנט אין די גאנצע וועלט איבער דעם אויסטערלישן הידור וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א און אנדערע גדולי ישראל האבן אריינגעברענגט ביי כלל ישראל בנוגע דעם ענין פון די ווייץ, אבער טראץ וואס מ'הערט כסדר רעדן דערוועגן איז נאך אלץ דא א מקום ארויסצוברענגען פונקטליך וואס איז די מעשה מיט די ווייץ, און וואס פונקטליך רבינו שליט"א האט דא אויפגעטון.

## <u>אגריקולטור וועלט טוישט זיך דראמאטיש</u>

פון אייביג אן האבן אידישע קינדער זיך אפגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון יאר מיט ווייץ פאר פסח, וויבאלד יעדער איד וויל דאך זיין אפגעהיטן אפילו פון א משהו שבמשהו חמץ און פון די אנדערע זייט מוז מען דאך מקיים זיין די מצות עשה דאורייתא פון אכילת מצה, האט זיך אויסגעפעלט זארגפעלטיג אפצוגעבן מיט'ן עסק פון שניידן און אוועקלייגן דאס ווייץ וואס מ'וועט נוצן פאר די מצות אויף פסח זיכער מאכן אז עס ווערט נישט קאליע ח"ו אינמיטן וועג.

דורכ'ן זומער איז מען געווען פארנומען מיט טרעפן פאסיגע ווייץ פעלדער - וואס איז נישט געווען אזא פראבלעם בזמן שישראל שרויים על אדמתם אין ארץ ישראל, ווייל דארט רעגנט דאך נישט במשך דעם זומער - דערנאך האט מען געדארפט שניידן און אוועקלייגן די ווייץ אויף אן אפגעהיטן ארט וואו מ'קען זיין זיכער אז ס'וועט נישט צוקומען דערצו קיין טראפן וואסער, און מ'האט די גאנצע צייט געוואכט דערויף מיט זיבן אויגן און מערערע תפילות ביז'ן באקן.

מיט דער אנטוויקלונג פון טעכנאלאגיע און די גרויסע שטעט וואו אלעס ווערט געברענגט פון ווייטע פעלדער האט זיך דראסטיש געטוישט דער צוגאנג צום שניידן די ווייץ. מהדרין מן המהדרין זענען נאך אלץ מקפיד צו גיין אליינס שניידן און קלויבן די ווייץ, אבער פאר'ן אלגעמיינעם המון איז עס געווארן אוממעגליך, האט מען געמוזט אנהייבן צושטעלן מאסן פראדוקציע פון די מצות, פונקט ווי ביי יעדע אנדערע פראדוקט, און דאס האט נאטורליך געברענגט מיט זיך קאמפליקאציעס.

היות ווי דאס איז נישט קיין הלכה'דיגער גליון וועלן מיר פרובירן נישט מאריך צו זיין אין די קאמפליצירטע הלכה'דיגע באגריפן, בלויז אויפ'ן שפיץ גאפל וויפיל ס'פעלט זיך אויס.

עפ"י הלכה ווי עס ווערט געפסק'נט אין שו"ע איז ווייץ וואס איז שוין גענצליך געצייטיגט און ס'איז נאס געווארן, אפי' ס'איז נאך באהאפטן צו דער ערד, איז עס געווארן חמץ, וויבאלד ס'איז שוין נישט יונק מן הקרקע ווערט עס באטראכט ווי ס'ליגט אפגעשניטן אין א קריגל (כמאן דמונח בכדא). די דאזיגע הלכה האט אלעמאל געצווינגען אידן מדקדקים במצוות זיך אפצוגעבן זייער פיל מיט די ווייץ.

יעדער מומחה קען עס זען בחוש ווען מ'גייט ארויס אין א געצייטיגט פעלד אויף וועלכן ס'האט גערעגנט קען מען באמערקן אויף טייל ווייצלעך ווי זיי ווערן געשפאלטן, און ביי אנדערע זעט מען גאר ווי ס'הייבט אן צו שפראצן א גרינער ווארצל ביים שפיץ פונעם ווייץ-קערנדל. איר קענט עס אויך פרובירן אינדערהיים דורך אריינלייגן א ווייץ-קערנדל אין א גלעזל וואסער פאר עטליכע טאג וועט איר זען די זעלבע אנטוויקלונג.



אין הלכה שפראך ווערט די דאזיגע ווייץ אנגערופן "מצומחות" (ווייץ קערנדלעך וועלכע האבן אנגעהויבן שפראצן א גרינער ווארצל) און "מבוקעות" (קערנדלעך וועלכע האבן נאכנישט אנגעהויבן שפראצן אבער זענען שוין יא געשפאלטן געווארן, גרייט צום שפראצן), וואס מ'טאר זעלבסטפארשטענדליך נישט נוצן פאר קיין פסח'דיגע מצות. די פוסקים מוטשען זיך זייער שטארק וויאזוי מ'געט זיך אן עצה מיט די דאזיגע ווייצלעך. טייל מחמירים פארלאנגען צען און פופצן מאל שישים אז ס'זאל קענען בטל ווערן, ווייל זיי זענען חושש אז ס'זענען פאראן נאך חמצ'דיגע קערנדלעך וואס מ'האט נישט געטראפן.

דארט וואו עס רעגנט נישט זומער, ווי צב"ש אין ארץ ישראל, איז עס נישט קיין גרויסער פראבלעם. אבער אין אייראפע און אמעריקע און אנדערע מקומות, ווי ס'איז נארמאל אז ס'רעגנט זומער, האט מען געמוזט זייער אכט געבן ביים שניידן די ווייץ. בשנים קדמוניות פלעגט מען שניידן ווען די ווייץ קערנדלעך זענען נאך געווען גרין, נישט גענצליך געצייטיגט, און מ'האט עס געלאזט אויסטרוקענען אין ספעציעלע שייערן.



טייל פונעם קאלאראדא ריווער וועלכע שטעלט צו וואסער צו טרינקען און פלאנצן פאר קאלאראדא, אריזאנע, נעוואדא, יוטא, טייל פון קאליפארניע, און נאך שטאטן

דער אויפטו דערפון איז געווען אז אפי' אויב ס'האט גערעגנט איז עס נישט געווארן חמץ, וויבאלד ס'איז נאכנישט אינגאנצן געצייטיגט, און דערנאך האט מען אכט געגעבן משעת קצירה אז ס'זאל נישט צוקומען דערצו חלילה קיין משהו וואסער. דארט וואו מ'האט נישט געקענט אפשניידן גענוג פרי און ס'האט יא גערעגנט האט מען געדארפט נוצן דעם ביטול פון מערערע מאל שישים, און מחמירים האבן זאגאר בודק געווען זייער גאנצע ווייץ אויב מ'טרעפט נישט דארט קיין מצומחות.

אלעס איז גוט געווען ביז ווען דער קאמביין איז אנגעקומען.

א קאמביין ארבעט דורך וואס א מאשין ליגט אונטן פון א טראק, דער טראק שניידט אפ די זאנגען, און בשת מעשה טוט עס אויך דרעשן און ווינדשויפלען די תבואה אזוי אז ס'קומט ארויס פון די אנדערע זייט פארטיגע אפגערייניגטע קערנדלעך וועלכע פליסן גראד אריין אין א טראק וואס פארט אונטער דעם קאמביין.

ס'איז א געוואלדיגער אויפטו פאר אגריקולטור, אויסער וואס דער מאשין טוט די מענטשליכע ארבעט, שניידט עס אויך מורא'דיג אסאך צייט דורך מאכן אויפאמאל דעם קוצר, דש, און זורה (מעמר מאכט ער אויך, מיט די שטרוי), אבער לכבוד דעם קען מען נישט שניידן דערמיט די תבואה בעפאר ס'איז געצייטיגט, ווייל דער שטארקער דרוק וואס דער מאשין לייגט אויף די זאנגען און קערנדלעך ערמעגליכט נישט עס צו נוצן ביז ווען די קערנדלעך זענען גענוג הארט צו קענען ביישטיין דעם דרוק. אויב נוצט מען דעם קאמביין אויף נישט-געצייטיגטע ווייצלעך ווערן זיי צוקוועטשט.

צוביסלער, אומבאמערקט, האט מען זיך געמוזט נעמען בלית ברירה אפשטופן די צייט פון שניידן די ווייץ. מ'האט געמוזט אנהייבן שניידן ווען ס'איז שוין געווען מער טרוקן, וואס איז געווען גוט פאר'ן קאמביין,



75 יאר צוריק האט דער גוי אויפגעבויט די "הואווער דאמבע", וואס ווערט עווענטועל העלפן אידן צוקומען צו ריינע ווייץ בתכלית ההידור!



א בליק אויף די אריזאנע זייט פון די דאמבע, וואו דאס וואסער ווערט אנגעזאמלט

אבער מדקדקים במצוות האבן זיך געזארגט איבער'ן רעגן וואס קען זיך אראפלאזן א ליאדע מינוט און מעגליך קאליע מאכן די געצייטיגטע ווייצלעך.

סתם עמך האט עס נישט מיטגעהאלטן אבער יאר איין יאר אויס זענען די אנפירער פון די מצה בעקערייען, און די רבנים הגאונים הצדיקים בראש פון די השגחה דערויף, געווען אויסטערליש פארנומען במשך אנהייב זומער אין די וואכן הארט נאך שבועות צו טרעפן א גוטן ווייץ פעלד וואו צו שניידן, בדרך כלל האט מען געניצט די ריזיגע ווייץ פעלדער אין לאנג איילענד, וועלכע איז דאן געווען דורכאויס באוואקסן מיט תבואה, און די פארסאפעטע יראים ושלמים זענען ארומגעלאפן פון פעלד צו פעלד צו זען אויב מ'קען טרעפן א גוטן פעלד מיט ווייניג אדער גארנישט מצומחות און/אדער מבוקעות.

גראדע איז דא נאך א סיבה פארוואס אין די לעצטערע יארן איז געווארן נאך שווערער צו טרעפן א גוטן ריינעם ווייץ פעלד, וויבאלד אין לאנג איילענד איז זייער שטארק געשטיגן די ריעל עסטעיט פרייזן, וואס רוב פארמער האבן זיך ארומגעזען אז זיי קענען מאכן מער געלט דורך פארקויפן זייער פראפערטי און דער צאל פעלדער איז שטארק פארמינערט געווארן, און אויטאמאטיש איז אויך געווארן אלס קלענער די שאנסן צו טרעפן א געלונגענעם ווייץ פעלד, בפרט מיט'ן אויסטערלישן וואוקס בליעה"ר פונעם יהדות החרדית אין ניו יארק במשך די לעצטע דריי דורות.

### ***יגעת ומצאת!***

געציילטע יארן צוריק האט א גרופע תלמידי חכמים זיך ארייגעלייגט מיט'ן גאנצן אייפער אין די טעמע. זיי גייען מוזן טרעפן א לעזונג צום גרויסן פראבלעם! פארוואס זאלן אזויפיל טויזנטער אידישע קינדער, מחמירים בני מחמירים, נישט נוצן ווייץ וואס איז דורכאויס ריין פון מצומחות און מבוקעות?! מ'האט טאקע געגעסן מהודר'דיגע מצות אויך ביז היינט, אבער פארוואס נישט מאכן בתכלית ההידור אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן וואס מעגליך?!

ביי חסיד'ישע אידן האט מען אלעמאל געוואוסט אז פאר א מצוה לאזט מען זיך קאסטן אומגעהויערע סומעס געלט אבי צו קענען קריגן דער הדר שבהדרים. נעמט צב"ש די מצוה פון אתרוג, וואו אידן לאזן זיך קאסטן טויזנטער דאלארן און צענדליגער שעות טירחא צו טרעפן נישט סתם א הדר, נאר דאס בעסטע פון די בעסטע, איז פארוואס זאל מען נישט טון דאס זעלבע ביי מצות מצה וואס איז לויט רוב פוסקים א דאורייתא.

יגעת ומצאת. ס'האט זיי געקאסט זייער אסאך שוויס, בלוט און געלט, אבער מיט גרויס סיעתא דשמיא זיי זענען דערגאנגען אז מיט העכער פערציג יאר צוריק האט די גרויסע סאטמארע מצה בעקעריי אונטער די הדרכה פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע פרובירט ארייגצוברענגען ווייץ פון אריזאנע וואו עס רעגנט נישט א גאנצן זומער - פונקט ווי אין ארץ ישראל - וואס עלימינירט גענצליך דעם פראבלעם פון שניידן צו-רייפע ווייץ.

דאן האט זיך עס נישט אויסגעארבעט וויבאלד די ווייץ איז געווען זייער שלעכט און אוממעגליך צו נוצן, אבער פאר די ת"ח איז בייגעפאלן אז מ'קען פרובירן איינצופלאנצן דארט די ריכטיגע סארט ווייץ און אזוי פארשאפן א גוטן ווייץ געפלאנצט און געשניטן על טהרת והידור המצות.

געזאגט איז גרינגער ווי געטאן, זיי זענען דורך שבעה מדורי גיהנום און צוריק, אבער מיט די מוטיגונג און אקטיווער הילף פון גדולי ישראל, בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, האט זייער ארבעט אנגעהויבן שפראצן. שיינע מהודר'דיגע זאנגען וועלכע שטייען שטאלץ אין ריזיגע פעלדער לענגאויס דעם זיסן און פראכטפולן קאלאראדא ריווער, און אן קיין רעגן איז נישטא גארנישט וואס קען זיי מאכן חמצ'דיג און מ'קען שניידן סיי ווען אימער.

ס'האט זיך פארלאנגט אומצאליגע שלאפלאזע נעכט און פארזיכטיגע גענויע פלאנירונג פון וועלט'ס מומחים אין עולם הכשרות אויסצוארבעטן א גוטן מהלך וויאזוי צו פארזיכערן אז שוין נאכ'ן שניידן קומט אן די ווייץ שמור ומשומר קיין ניו יארק וואו מ'לייגט עס אוועק אין ספעציעלע אוצרות (סטארעדזש בלע"ז) ביז ווען מ'הייבט אן צו באקן די מצות פאר'ן קומענדיגן יו"ט פסח.

קנאפע פינף יאר צוריק איז כלל ישראל נתבשר געווארן די בשורה טובה: שוין דא צו באקומען ריינע ווייץ, אן קיין שום מצומחות און/אדער מבוקעות, לכבוד פסח!



די פאכמאניש אויסגעשטעלטע שטוב וואו די ווייץ ווערט אוועקגעלייגט ביז'ן מאלן

ווי ביי יעדע גוטע זאך זענען אויך דא אונטערגעקומען אומצאליגע מכשולות, לאגיסטישע ווי פינאנציעלע, פיזישע ווי גייסטיגע. ס'האט געדויערט ביז מ'האט געקענט צוטרעפן די ריכטיגע קאמבינאציע פון ווייץ קערנדלעך וואס מ'זאל פלאנצן דארט אין אריזאנע צו באקומען ריכטיגע געשמאקע מצה, וואס לאזט זיך גרינג וועלגערן און פלייסיג צוקייען. אבער די עסקנים האבן נישט נאכגעלאזט ביז ווען זיי האבן זוכה געווען צוצושטעלן די ריכטיגע סחורה, וואס ווערט היינט גענוצט דורך טויזנטער און טויזנטער מהדרין מן המהדרין.

במשך דעם גאנצן וועג איז די קרית

>> פארזעצונג אויף זייט 34

# מזלא טבא וגדיא יאה

בשם הנהלת קהלתינו הק' ואלפי חברי קהלתינו החשובים הננו משגרים בזה ברכת מזל טוב ומלא כסי דברכתא
אל מע"כ ידידינו היקרים, חברי קהלתינו הק' לרגל שהשמחה במעונם בחודש העעל"ט

## רבני קהלתינו

### כ"ק מרן רבינו שליט"א - לנישואי נכדו ולהולדת נכדתו

הגה"צ רב ביהמ"ד אבני צדק שליט"א, חדב"ן - לנישואי בנו
הגה"צ רב ביהמ"ד ישמח משה שליט"א, חדב"ן - להולדת בתו
הרה"ג ר' יושע שמאיע שליט"א, לנישואי בנו
הרה"ג ר' חיים בעריש פילעפף שליט"א, להכנסת נכדו לעול המצוות
הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א, לנישואי בנו

הרה"ג ר' שמואל פריעדמאן שליט"א, להולדת נכדו
הרה"ג ר' מאיר סימאן שליט"א, לאירוסי בתו
הרה"ג ר' מאיר זאב שטערן שליט"א, לנישואי בתו
הרה"ג ר' בעריש קליינמאן שליט"א, להולדת נכדו
הרה"ג ר' ארי' אשר אינדיג שליט"א, לאירוסי בנו

הרה"ג ר' חיים יחזקאל ווערצבערגער שליט"א, לאירוסי בתו
הרה"ג ר' יצחק קויפמאן שליט"א, לאירוסי בתו
הרה"ג ר' דוד ליכטנשטיין שליט"א, לאירוסי בנו
הרה"ג ר' אברהם צבי זאלדאן שליט"א, להולדת בנו
הרה"ג ר' זאב אהרן טעללער שליט"א, להולדת בנו

## כל העוסקים בצרכי ציבור באמונה

הר"ר עקיבא וויינשטאק הי"ו, לנישואי נכדו ולהולדת נכדתו
מו"ה אליעזר ווייס הי"ו, להולדת נינו
מו"ה ליפא גראס הי"ו, להולדת נכדתו ולהכנסת נכדו לעול המצוות
מו"ה משה אפרים שטיינמעטץ הי"ו, להולדת נכדתו
מו"ה יצחק (ברח"מ) מארקאוויטש הי"ו, להכנסת נכדו לעול המצוות
הר"ר אורי שווארץ הי"ו, להולדת נכדו
מו"ה אברהם צבי קליין הי"ו, לנישואי בנו

מו"ה אברהם יושע (בר"י) ווערצבערגער הי"ו, לאירוסי נכדו
מו"ה מרדכי שלעזינגער הי"ו, להולדת נכדו
מו"ה מרדכי לייב גליק הי"ו, לנישואי בנו
מו"ה משה אליעזר ניימאן הי"ו, להולדת נכדו
מו"ה הלל ווייס הי"ו, להולדת נכדו
מו"ה דוד אהרן לאנדא הי"ו, להולדת נכדתו
מו"ה ברוך יודא קליין הי"ו, להולדת נכדתו
מו"ה משה גאלדשטיין הי"ו, להולדת נכדתו
מו"ה משה יוסף פריעדמאן הי"ו, להולדת נכדו

מו"ה יעקב ישראל פריינד הי"ו, לאירוסי בנו
הר"ר יונתן בנימין האניג הי"ו, לנישואי בנו
מו"ה אהרן שאול סאנדעל הי"ו, לאירוסי בתו ולהולדת נכדתו
מו"ה אהרן שמואל פוקס הי"ו, לאירוסי בנו
מו"ה יונה האפמאן הי"ו, להולדת נכדתו
מו"ה יחזקאל שרגא וויינגארטן הי"ו, לאירוסי בתו
מו"ה שמואל זיינוויל כהנא הי"ו, להולדת נכדו
מו"ה שמואל לייביש וויינבערגער הי"ו, להולדת בתו
מו"ה שמואל אהרן לאנדא הי"ו, לאירוסי בתו

מו"ה שמואל (ברמ"י) בראך הי"ו, לנישואי בתו
מו"ה יעקב זוסמאן סופר הי"ו, לנישואי בנו
מו"ה ליפא פאלקאוויטש הי"ו, להולדת בתו
מו"ה שלמה פנחס שווימער הי"ו, לאירוסי בנו
מו"ה אהרן שמואל שרייבער הי"ו, להולדת בתו
מו"ה הערש לייב לאנדא הי"ו, להולדת בתו
מו"ה יואל זאבעל הי"ו, להולדת בנו
מו"ה יואל (בר"ש) פריעדמאן הי"ו, להולדת בנו
מו"ה מנחם ישעי' לעווי הי"ו, להולדת בתו
מו"ה יואל (בר"י) פארקאש הי"ו, להולדת בנו

## הולדת בנו

מו"ה יחזקאל שרגא לאנדא הי"ו
הר"ר יונה - ר' מענדל בער ווידער

מו"ה צבי יוסף לעווי הי"ו
ר' אייזיק - ר' בנציון יושע קרויס

מו"ה יוסף יודא פישער הי"ו
ר' חיים ידידי' - ר' אליעזר היילברוין

מו"ה משה יצחק איצקאוויטש הי"ו
ר' ישראל - ר' משה חיים בערקאוויטש

מו"ה גרשון מענדל פעלדמאן הי"ו
ר' אלחנן משה - ר' אשר אנשיל גאנדל

מו"ה משה יודא גאלדבערגער הי"ו
ר' דוד שמואל - ר' שלמה יעקב מערץ

מו"ה אשר אנשיל זאלדאן הי"ו
ר' שאול לייב - ר' משה פרידריך

מו"ה זרח שפירא הי"ו
ר' יצחק מאיר - ר' מרדכי גדלי' שפיטצער

מו"ה יואל שלעזינגער הי"ו
ר' מרדכי - ר' טובי' הויער

מו"ה בנימין זאב שווארץ הי"ו
ר' משה עזריאל - ר' שלום פעלדמאן

מו"ה יואל בערגער הי"ו
ר' דוד שלמה - ר' שלמה כ"ץ

מו"ה יואל חיים פילעפף הי"ו
ר' יודא - ר' משה יוסף פריעדמאן

מו"ה שלום גאלדמאן הי"ו
ר' מרדכי הערש - ר' אורי שווארץ

מו"ה שלמה יודא גרובער הי"ו
ר' שמואל - ר' שלמה כ"ץ

מו"ה חיים אליעזר ווייס הי"ו
ר' הלל - ר' פישל פארקאש

מו"ה נתן קארפיל מרגליות הי"ו
הר"ר אלכסנדר אשר - ר' בעריש קליינמאן

מו"ה משה דוד פריעדמאן הי"ו
ר' וואלף - ר' ברוך יצחק ווייס

מו"ה יחזקאל ווערצבערגער הי"ו
הר"ר בנימין משה - ר' אברהם שלום לאנדא

מו"ה נפתלי הירצקא שווארץ הי"ו
ר' משה - ר' שמעון ווידער

מו"ה ישעי' שלום וואלבערג הי"ו
ר' שמואל חיים - ר' חיים ליפא ווייס

מו"ה יואל פארקאש הי"ו
ר' ישראל - ר' ישראל אלעזר טאבאק

מו"ה יחיאל יצחק כהנא הי"ו
ר' יחזקאל - ר' שמואל זיינוויל כהנא

## הולדת בתו

מו"ה וואלף מענדלאוויטש הי"ו
ר' יושע - ר' שמואל חיים ליפשיץ

מו"ה זלמן לייב שטערן הי"ו
ר' ליפא - ר' שמואל מארקאוויטש

מו"ה יחזקאל שרגא גאלדשטיין הי"ו
ר' משה - ר' יוסף יאקאב

מו"ה מיכל פריעדמאן הי"ו
ר' יחזקאל - ר' יחזקאל שרגא גרינפעלד

מו"ה מרדכי פייערשטיין הי"ו
ר' הערשל - הר"ר עקיבא וויינשטאק

מו"ה יואל לעווי הי"ו
ר' מענדל - ר' הערשל סאנדעל

מו"ה חיים נחום לעבאוויטש הי"ו
ר' ישראל ברוך - ר' יחזקאל וויינשטאק

מו"ה יואל פרידריך הי"ו
ר' בצלאל בנימין - ר' שמעון פריעדמאן

מו"ה יואל לאנדא הי"ו
ר' ישראל משה - ר' שלום פעלדמאן

מו"ה חנא דים הי"ו
ר' שלום אליעזר - ר' חיים כהנא

מו"ה יואל פליישמאן הי"ו
ר' הערשל - ר' בנציון יאקאבאוויטש

מו"ה יואל כייעם הי"ו
ר' אליעזר שמואל - ר' אברהם מאיר איצקאוויטש

מו"ה יואל גוטמאן הי"ו
ר' פנחס - הר"ר מרדכי לאנדא

מו"ה יואל פריעדמאן הי"ו
ר' אברהם חיים - ר' משה פייערווערקער

מו"ה אברהם פריעדמאן הי"ו
ר' משה מרדכי - ר' נטע פארקאש

מו"ה יואל לאנדא הי"ו
ר' אברהם משה - ר' משה אפרים שטיינמעטץ

מו"ה יואל בערגער הי"ו
ר' שמואל - ר' ברוך יודא קליין

מו"ה יואל בראך הי"ו
ר' אברהם לייב - ר' ליפא גראס

מו"ה דוד משה ניישטאדט הי"ו
ר' אלי' - ר' הערשל בראך

מו"ה אלימלך שווארץ הי"ו
ר' אברהם לייב - ר' דוד אהרן לאנדא

מו"ה יואל ברודא הי"ו
ר' מנחם - ר' אברהם יושע ווערצבערגער

מו"ה יצחק העניך שווארץ הי"ו
ר' משה יוסף - ר' יונה האפמאן

מו"ה אייזיק הערש שפילמאן הי"ו
ר' ישראל - ר' יצחק משה פרענקל

מו"ה יואל משה יצחק הערשקאוויטש הי"ו
ר' יודא - ר' אהרן פרענקל

מו"ה אברהם יחזקאל שרגא לאקס הי"ו
ר' שמואל יצחק - ר' ישראל שווארץ

מו"ה אליעזר זוסיא דיאמאנד הי"ו
ר' יעקב יוסף דוב - ר' שלמה אפרים סאנדעל

מו"ה בנציון מנחם פריינד הי"ו
ר' דוד - הר"ר יצחק חיים ביקעל

מו"ה ישראל אשר אנשיל ווייס הי"ו
ר' אברהם ישעי' - ר' חיים מאיר סאנדער

מו"ה שמואל דוד מארקאוויטש הי"ו
ר' יוסף עמרם - ר' חיים שמואל שפילמאן

מו"ה אהרן יוסף מארקאוויטש הי"ו
ר' יעקב לייב - ר' אברהם ישראל הערשקאוויטש

מו"ה אליעזר ליפא מאשער הי"ו
ר' יעקב נפתלי - ר' ארי' ראטה

## להכנסת בנו לעול המצוות

מו"ה אלימלך גליק הי"ו
ר' עזריאל - ר' יעקב שלמה גרינוואלד

מו"ה בערל גאלד הי"ו
ר' חיים הערש - ר' חיים שלמה פאלאק

מו"ה וואלף מענדלאוויטש הי"ו
ר' יושע - ר' שמואל חיים ליפשיץ

מו"ה יעקב משה ווערצבערגער הי"ו
ר' שלמה - ר' שלמה זלמן קליין

מו"ה מאיר אברהם גראס הי"ו
ר' ליפא - ר' יודא כהנא

מו"ה חיים הערש שטערן הי"ו
ר' שלמה - ר' משה יעקב בערקאוויטש

מו"ה חיים משה ביטמאן הי"ו
ר' ירחמיאל - ר' ישראל פאלקאוויטש

מו"ה שלמה אלי' ווייס הי"ו
ר' מרדכי יעקב - הג"ר חיים בעריש פילאפ

מו"ה חיים צבי כהנא הי"ו
ר' משה - ר' יצחק מארקאוויטש

מו"ה רחמים שמואל באסול הי"ו
ר' יודא - ר' יושע עקשטיין

## לנישואי צאציהם

הרה"ג ר' יו"ט ליפא סאמעט שליט"א
ר' אהרן הערש - ר' יום טוב שרעם

מו"ה חיים אלכסנדר ראטינאוו הי"ו

מו"ה אברהם מענדלאוויטש הי"ו
ר' מאיר זאב - ר' יעקב קאהן

מו"ה ישעי' שלום ווייס הי"ו
ר' ישראל - ר' חיים אברהם ראזענפעלד

מו"ה שלום אליעזר וועבער הי"ו
ר' אהרן צבי - ר' יוסף פלאהר

מו"ה משה פרידריך הי"ו
ר' אברהם אלי' - ר' שלום גראסבערג

מו"ה יצחק בערל הערשקאוויטש הי"ו
ר' מרדכי - ר' דוד פרידלענדער

מו"ה בנימין צבי גרינפעלד הי"ו
ר' יצחק שמואל - ר' ארי' לייב זעבאק

מו"ה בנציון קליין הי"ו
ר' נח - הר"ר עקיבא וויינשטאק

מו"ה אלי' שלמה סועד הי"ו
ר' שאול - ר' ניסים נאקא

מו"ה זלמן לייב בראך הי"ו
ר' הערשל - ר' זושא ניישטאדט

מו"ה בערל פאלאטשעק הי"ו
ר' משה אלי' - הר"ר דוד פריעדלענדער

מו"ה יעקב קאהן הי"ו
ר' ליפא - ר' בערל מאנדל

## לנישואיהם

ר' יקותיאל צבי בלייך הי"ו
ר' נפתלי הירצקא האניג הי"ו
ר' ישעי' ווייס הי"ו
ר' יושע שמואל ווערטהיימער הי"ו
ר' יואל מענדלאוויטש הי"ו
ר' אברהם נתן נטע סופר הי"ו
ר' יעקב קאפל שמשון פרידריך הי"ו
ר' אהרן אלעזר קליין הי"ו
ר' משה אברהם קליין הי"ו
ר' נפתלי הירצקא קליין הי"ו
ר' יושע ראטה הי"ו
ר' זושא רובין הי"ו

## לאירוסי צאציהם

הרה"ג ר' ארי' אשר אינדיג שליט"א - שמשון נ"י - הרה"ג ר' מאיר סימאן שליט"א
מו"ה בצלאל חיים באש הי"ו - אלימלך נ"י - מו"ה אהרן שאול סאנדעל הי"ו
מו"ה מאיר אפרים גראהמאן הי"ו - משה אייזיק נ"י - מו"ה יחיאל שרגא מיכל פעלדמאן הי"ו
מו"ה יוסף ישראל גרינפעלד הי"ו - יושע נ"י - מו"ה דוד קליין הי"ו
מו"ה שמואל חיים וואהלבערג הי"ו - אלי' מנחם נ"י - מו"ה אשר אנשיל ראזענבערג הי"ו
הרה"ג ר' אברהם אלימלך ווייס שליט"א - יוסף יודא נ"י - מו"ה יחזקאל הייללער הי"ו
הר"ר משה ווערצבערגער שליט"א - שלמה נ"י - הרה"ג ר' חיים יחזקאל ווערצבערגער שליט"א
הרה"ג ר' דוד ליכטנשטיין שליט"א - משה אלי' נ"י - מו"ה חיים יחזקאל שרגא וויינגארטן הי"ו

מו"ה צבי אלימלך עקשטיין הי"ו - אשר אנשיל נ"י - מו"ה עמרם טירנויער הי"ו
מו"ה אהרן שמואל פוקס הי"ו - אלי' נ"י - מו"ה מרדכי יצחק מאשקאוויטש הי"ו
מו"ה יעקב ישראל פריינד הי"ו - משה נ"י - הרה"ג ר' שמשון ראאב שליט"א
מו"ה שרגא שמואל קאהן הי"ו - יעקב יוסף נ"י - מו"ה חיים דוד מענדלאוויטש הי"ו
מו"ה משה שמואל רובינפעלד הי"ו - חנני' יו"ט ליפא נ"י - הרה"ג ר' יצחק קויפמאן שליט"א
מו"ה שלמה פנחס שווימער הי"ו - אליעזר יחזקאל נ"י - מו"ה אהרן משה גאלדענבערג הי"ו
הר"ר יודא יעקב יוסף שטיין הי"ו - שמואל נ"י - מו"ה שמואל אהרן יוסף לאנדא נ"י




מפעל

# קביעות עתים לתורה

שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב - קרית יואל

**בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א**

# ואלו יעמדו על הברכה

אלו שזכו לקבל על עצמם לפרנס ולכלכל ההוצאות המרובות של מפעל **"קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים"** דקהלתינו הק', זכות הרבים תלוי בהם ותהי משכורתם שלימה מעם ה'

## פרנס השבוע

הרה"ח ר' **יצחק**
**משה פרענקל** הי"ו
לנישואי בנו

הרה"ח ר' **יעקב**
**זוסמאן סופר** הי"ו
לנישואי בתו

הרה"ח ר' **שמואל**
(בר"מ) **בראך** הי"ו
לנישואי בתו

הרה"ח ר' **יהושע**
**שמואל ווידער** הי"ו
לנישואי בנו

## פרנס היום

הרה"ג **חיים לייב**
**זילבערשטיין** הי"ו
לנישואי בתו

הרה"ג **ברוך שלמה**
**וויינבערגער** הי"ו
לאירוסי בנו

הר"ר **אליעזר ווייס** שליט"א,
וויצע פרעזידענט דקהלתינו הק'
לע"נ הוריו

הר"ר **שמואל יודא קליין** הי"ו
לע"נ חותנו

הר"ר **פנחס בראך** הי"ו
לנישואי בנו

הר"ר **אליעזר דוד**
**עפשטיין** הי"ו
לע"נ חותנו

הר"ר **חיים אהרן קליין** הי"ו, גבאי
ביהמ"ד הגדול
לנישואי בנו

הר"ר **אלכסנדר ראטינאוו** הי"ו
לנישואי בנו

הר"ר **משה אפרים ראטה** הי"ו
לנישואי בנו

הר"ר **מאיר ווערטהיימער** הי"ו
לאירוסי בנו

הר"ר **אברהם הערש קליין** הי"ו
לנישואי בנו

הר"ר **נפתלי הירצקא**
**קאהן** הי"ו
לאירוסי בנו

הר"ר **מאיר זאב פרידריך** הי"ו
לע"נ אמו

הר"ר **שמואל זיינוויל**
**כהנא** הי"ו
לאירוסי בתו

מו"ה **אברהם פייערשטיין** הי"ו
לאירוסי בתו

מו"ה **שמעון ישראל פאזען** הי"ו
לנישואי בנו

מו"ה **שמעון כ"ץ** הי"ו
לנישואי בתו

מו"ה **בנציון קליין** הי"ו
להולדת בתו, ולנישואי בנו

מו"ה **וואלף מענדלאוויטש** הי"ו
להולדת בתו

מו"ה **חיים אלי' צוויבל** הי"ו
לאירוסי בתו

מו"ה **מאיר אברהם גראס** הי"ו
להכנסת בנו לעול המצוות

מו"ה **אהרן שמואל שרייבער** הי"ו
להולדת בתו

מו"ה **ליפא שפילמאן** הי"ו
להולדת בנו

מו"ה **אנשיל זאלדאן** הי"ו
להולדת בנו

מו"ה **יחזקאל גאלדשטיין** הי"ו
לתגלחת בנו ולהולדת בתו

מו"ה **יואל זאבעל** הי"ו
להולדת בנו

מו"ה **יואל בר"פ בראך** הי"ו
לנישואי אחיו

מו"ה **יואל ברי"ח ווייס** הי"ו
להולדת בנו

מו"ה **קלמן אליעזר סאאל** הי"ו
להולדת בנו

מו"ה **חיים אליעזר ווייס** הי"ו
להולדת בנו

# לעצטע פאזע פון הרחבת גבולי הקדושה און רענאוואציעס ביים ביהמ"ד "בית שמואל בנימין" אין פולן שוואונג

<< פארזעצונג פון זייט 3

ווייטער אזוי אנצוגיין, און זיי האבן זיך ארייגעווארפן מיט'ן גאנצן פלייס אין דער עבודת הקודש פון אויסברייטערן דעם גאנצן ביהמ"ד.

בראש פון די הייליגע ארבעט איז געשטעלט געווארן האברך החשוב עסקן נמרץ ר' יואל ברמ"ד קליין הי"ו, וועלכער ארבעט טאג און נאכט מיט גרויס פלייס אהערצושטעלן א פראכט פון א שוהל, און א נייער ווייבער שול כלילת יופי, ווי עס פאסט זיך פאר אזא געהויבענעם בית מקדש מעט, ואתו עמו די איבערגעגעבענע עסקנים ר' יעקב יוסף האפמאן הי"ו, ר' מרדכי גליק הי"ו, און ר' חיים הערש סופר הי"ו, אין שפיץ פונעם געטרייען משמש ר' יואל בר"י ראזענבערג הי"ו און די אימערמידליכע גבאים מו"ה משה יודא ברד"ש גאלדבערגער הי"ו, מו"ה יואל זאבעל הי"ו, און מו"ה איתמר טובי' שווארץ הי"ו.

די ארבעט האט באקומען א געוואלדיגן שטופ פאראויס מיט עטליכע חדשים צוריק, ווען דער חשוב'ער נדבן הרבני הנגיד מו"ה יואל ברמ"ח שפיצער הי"ו האט זיך אונטערגענומען א גאר גרויסע סומע, אינאיינעם מיט זיין חשוב'ן שוואגער הנדיב מו"ה משה חיים גליק הי"ו, וואס זאל ערמעגליכן אויפצובויען דעם נייעם פראכטפטולן ווייבער שול לע"נ זייער אומפארגעסליכע שוויגער האשה החשובה מרת מלכה מרים ע"ה, אשת הרה"ח ר' לייביש גראס הי"ו, וואס האט ערמעגליכט ארייינצושפרינגען אין דעם גראנדיעזן פראיעקט.

באזונדער האט דער חשוב'ער נדבן הרבני הנגיד מו"ה יואל בר"מ בראך הי"ו גענומען אויף זיך, בעת א באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ביי אים אין שטוב אינמיטן ווינטער, דאס אויפבויען א מאיעסטעטישן אוצר הספרים לע"נ זיין זיידן מחשובי תושבי קרית יואל הרה"ח המפורסם ר' ליפא בראך ע"ה, פאר די העכער טויזנט ספרים וואס ער האט שוין מנדב געוועזן ביז היינט פאר'ן ביהמ"ד אויף אלע מקצועות התורה, און וועלכע זענען א וויכטיגער טייל פאר די געוואלדיגע הצלחה פונעם ביהמ"ד.

אזוי אויך זענען פאראן נאך א צאל נדבנים וועלכע העלפן ארויס דאס אהערשטעלן דעם פראיעקט, צווישן זיי אויך ר' יואל ברמ"ד ווידער הי"ו, פון די קביעות'דיגע מתפללי ביהמ"ד, וועלכער האט געשנאדערט א סכום הגון פאר'ן נייעם הערליכן קאווע שטיבל ביים עולה זיין מפטיר פארגאנגענעם פר' החודש לכבוד די יארצייט פון זיין חשוב'ע מוטער ע"ה.

אינצווישן גייט אן די ארבעט מיט דער פולער פארע. דער נייער ווייבער שול שטייט שוין כמעט פארטיג כלול בהדרו, וואס ערמעגליכט אויסצוברייטערן גאר שטארק דעם ביהמ"ד און צולייגן פילע נייע זיצן, ווי אויך ווערט צוגעשטעלט א שפאגל נייע קאך און קאווע שטיבל לטובת די פילע מתפללים ולומדים. פאריגע וואך האט מען אויך ארייינגעלייגט נייע גוטע ספיקערס וואס וועט ערלויבן נאך א גרעסערן ציבור זיך צו קענען משתתף זיין ביי די הערליכע שיעורים ווי

# היסטארישע אסיפה אין שטוב פון כ"ק מרן רבינו שליט"א שטעלט אוועק קריטישע הלכה'דיגע יסודות פאר "חברא קדישא"

<< פארזעצונג פון זייט 3

שבט הלוי שליט"א, וואו ס'איז צווישן אנדערן אויפגעברענגט געווארן אויך די דאזיגע שאלה, וואו רבינו שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט אז "די חברא קדישא אין קרית יואל איז זייער ערליך און זענען עוסק במצות ה' באמונה". אויפ'ן ארט איז אנטוויקלט געווארן א טיפער הלכה'דיגער דיון צווישן די צוויי גדולים [דער גאנצער שמועס איז געדרוקט אין "משולחן מלכים", אין גליון "קול התאחדותינו" פר' תצוה].

צווישן אנדערן האט דער בעל שבט הלוי שליט"א דערמאנט אז עס איז פארגעקומען ביי אים אזא שאלה מיט 51 יאר צוריק! און וואס ער האט דאן געפסק'נט - אין ארץ ישראל וואו מ'האלט נאר איין טאג יו"ט מאכט זיך זייער ווייניג די שאלה, און ס'קען נאר אויסקומען אין ר"ה וואס זיי האלטן

פריער דערמאנט.

גלייכצייטיג איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד און ערווארטונג די בשורה מרנינה אז די גבאים ארבעטן גאר פלייסיג, אינאיינעם מיט'ן מו"ץ הביהמ"ד הרה"ג ר' משה טייטלבוים שליט"א, פאראויסצורוקן די פלענער אויפצובויען א נייע מקוה אינעם ביהמ"ד, וואס וועט בע"ה נאכמער ארויפברענגען עשר מעלות דעם גאנצן ביהמ"ד און עס אויפהייבן צו א פרעצעדענטלאזן שטאפל. מאמענטאל האלט מען נאך אין די פריע פאזעס, און מיר וועלן בע"ה מעלדן די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען.

אויך צוויי טאג, אדער אויב דעם ערשטן טאג יו"ט קומט אויס פרייטאג, ווי צב"ש שבועות אדער שביעי של פסח.

פאריגן א' פקודי איז פארגעקומען די ענדגילטיגע אסיפה פאררופן דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען נאכאמאל די גדולי הרבנים, און מען האט נושא ונותן געווען בעיון רב אין אלע פרטים פון די הלכה און די חילוקים צווישן דאהי און אנדערע מקומות, ביז עס איז ארויסגעקומען א דבר ברור.

סוף פון די אסיפה האט מען אויסגעשמועסט א רייע מיט וויכטיגע יסודות'דיגע כללים וויאזוי איינצושטעלן די דאזיגע ענינים, אויסגעארבעט לויט יעדן פרט ופרט מיט אלערליי אופנים וואס קענען זיך נאר מאכן. און אזוי איז מען זיך צוגאנגען מיט'ן געהויבענעם געפיל איבער דעם ווייטגרייכנדן היסטארישן אויפטו אהערצושטעלן איינמאל פאר אלעמאל פעסטע כללים אין די וויכטיגע הלכות, וועלכע וועלן האפנטליך בלייבן טאקע אלעמאל להלכה ולא למעשה.

אין די איצטיגע טעג קומט ארויס דער הערליכער קובץ "בית ועד לחכמים", ארויסגעגעבן דורך די חשוב'ע ת"ח פון מבצר הכוללים, וואו דער גאנצער ענין ווערט מבורר ומלובן דורך די גדולי פוסקי דורינו אין שפיץ פון פוסק הדור בעל שבט הלוי שליט"א, ווי אויך די תשובה נפלאה פון הגה"צ הדומ"ץ שליט"א און אנדערע גדולי הדור אשר מפיהם אנו חיים.

ואת המעשה אשר יעשון.

# א באזוך אין מצה בעקריי

<< פארזעצונג פון זייט 31

יואל'ער מצה בעקריי געשטאנען אין צענטער פון די אקטיוויטעטן. אויפ'ן באפעל פון כ"ק מרן רבינו שליט"א האט די בעקריי אינוועסטירט אן א שיעור צייט, געלט, און כח צו העלפן מוציא זיין מכח אל הפועל דעם געוואלדיגן דורכברוך אין הידור מצוה, וואס ס'איז בלי שום ספק אז רבותינו הקדושים זי"ע קוקן אראפ פון הימל מיט נחת דקדושה וויאזוי זייער ארבעט ווערט פארגעזעצט אויף די וועלט ביתר שאת וביתר עוז אויפ'ן וועג וואס זיי האבן אונז געלערנט, צו שטייגן כסדר מעלה מעלה אין יעדן ענין וואס מעגליך.

פון יאר צו יאר ווערן כסדר נתרבה די אידן וועלכע שליסן זיך אן אין די רייען פון די וועלכע זוכן דוקא די גרעסטע הידורים ביי די הייליגע מצות מצוה, און היינט צו טאגס זוכט מען דוקא די דאזיגע ווייץ איבער גאנץ ניו יארק, ווען מדקדקים במצוות פון אלע קהילות און קרייזן, ארייינגערעכנט צענדליגער גדולי הרבנים פון גאנץ ניו יארק, ווילן זוכה זיין צו די דאזיגע ריינע ווייץ, אזש עס הערשט א היפשער מאנגל און מ'קען דערוויל, ליידער, נישט נאכקומען געהעריג דעם פארלאנג.

ב"ה אז היי יאר האט די קרית יואל'ער מצה בעקריי באוויזן דעם געוואלדיגן דורכברוך צו ווערן די ערשטע מצה בעקריי אין ניו יארק וועלכע נוצט אויסשליסליך בלויז די ריינע ווייץ געברענגט אהער פון די מערב שטאטן! און לויט די גריסן פון אנדערע גרויסע בעקרייען אין ניו יארק וועלן גאר בקרוב אנדערע אויך נאכפאלגן אין די פיסטריט פון קרית יואל, וועלכע איז ווי שטענדיג פון די ראשונים לדבר מצוה און די פירנדע בעקריי אויפ'ן געביט פון הידורים נפלאים אין מצות מצה!

* * * * *

נאכ'ן זיך באקענען פונדערנאנט מיט די געוואלדיגע מעלות טובות פון די קרית יואל'ער מצה בעקריי בלייבט נישט איבער צו ווינטשן בלויז אז דער אויבערשטער זאל העלפן אז די אומגעהויערע ארבעט און דמי"ם תרתי משמע וואס מ'לייגט אריין זיך אפצוהיטן פון א משהו חמץ זאל טאקע ברענגן די ריכטיגע סיעתא דשמיא, און מ'זאל זוכה זיין צו די הבטחה פון אר"י הקדוש אז ווער ס'איז נזהר פון א משהו חמץ אין פסח ווערט ניצול א גאנץ יאר פון אלע עבירות. אמן.

# קהל יטב לב ד'סאטמאר

### פרעזעדיום
ר' אברהם ווידער, ראש הקהל
ר' דוד עקשטיין, פרעזידענט
ר' מאיר הירש, וויצע פרעזידענט
ר' אליעזר ווייס, וויצע פרעזידענט
ר' ליפא גראס, וויצע פרעזידענט
ר' יצחק פנחס גלאנצער, וויצע פרעזידענט

### פינאנץ סעקרעטאר
ר' יעקב מיטעלמאן
ר' דוד שמואל גאלדבערגער

### טרעזשורער
ר' אלישע הורוויץ
ר' משה גאלדשטיין

### רואה חשבון
ר' מרדכי שלעזינגער
ר' עקיבא הערש קליין

### גבאים - ביהמ"ד הגדול
ר' מרדכי לייב גליק
ר' חיים אהרן קליין
ר' יושע טעללער

### פראטאקאל סעקרעטאר
ר' אברהם שמחה פריעדמאן

### פארשטאנד
ר' אברהם הערש קליין
ר' מאיר ווערטהיימער

ר' ישראל יעקב סופר
ר' זלמן לייב קאפעל
ר' מאיר יעקב אינדיג
ר' יצחק אייזיק פריעדמאן
ר' שמואל בראך
ר' אלימלך דייטש
ר' יעקב זוסמאן סופר
ר' אלי' רייזמאן
ר' יחזקאל וויינגארטן

### טובים
ר' ישראל פערל
ר' מענדל עקשטיין
ר' יעקב פארגעס

ר' יוסף יאקאב
ר' מאיר סימאן
ר' שמעון הירש
ר' בערל שטיין
ר' אברהם הערש שעהר
ר' אלימלך גליק
ר' קלמן פילאפף
ר' חיים קארנבלי
ר' יעקב פנחס פריעדמאן
ר' שמואל עקשטיין
ר' יעקב אלי' רייזמאן
ר' משה חיים פריעדמאן
ר' אברהם אלי' פאגעל
ר' נפתלי דרעזדנער

ר' וואלף פערל
ר' אשר ישעי' הארוויץ
ר' שלמה לייב וויינבערגער
ר' ליפא פאלקאוויטש
ר' בנציון מעזעי
ר' שלום יוסף לעווינגער
ר' חיים אלעזר ווערצבערגער
ר' ישראל אהרן אייזדארפער
ר' חיים הערש (בר"א) גאלדבערגער
ר' דוד ליכטנשטיין
ר' אברהם יושע ווערצבערגער
ר' יעקב אליעזר ווערצבערגער
ר' אהרן שמואל שרייבער
ר' משה יצחק רייזמאן

### ביהמ"ד הגדול
**קאמיטע**
ר' ליפא גראס
ר' יצחק פנחס גלאנצער
ר' משה חיים פריעדמאן
**גבאים**
ר' מרדכי לייב גליק
ר' חיים אהרן קליין
ר' יושע טעללער
**ועד הקאווע**
ר' שמעון הירש
ר' אברהם הערש קליין
ר' אברהם שמואל פריעדלענדער

### ביהמ"ד אבני צדק
**קאמיטע**
ר' יחזקאל וויינגארטן
ר' שמואל עקשטיין
ר' משה הערש ראזענפעלד
ר' חיים מאיר גרינפעלד
ר' יצחק מיטעלמאן
ר' שמואל לאנדא
**גבאים**
ר' קלמן פילאפף
ר' ישראל ברוך הערשקאוויטש

### ביהמ"ד אהל פיגא
**קאמיטע**
ר' שלמה קלאגסברוין
ר' אלימלך דייטש
ר' נחמן פיש
ר' שלום יוסף לעווינגער
ר' דוד אלי' קטינא
ר' חיים הערש נאווי
ר' יעקב יצחק שטוהל
**גבאים**
ר' אלכסנדר נחום גאטליעב
ר' חיים הערש גאלדבערגער
ר' אהרן יוסף לאנדא
ר' חיים שלמה קרויס

### ביהמ"ד בית ברוך
**קאמיטע**
ר' מרדכי הערש פארקאש
ר' ברוך גלויבער
ר' יצחק ווידער
ר' יוסף מרדכי רובין
ר' חיים בנציון ליבערמאן

ר' חיים לאנדא
**גבאים**
ר' ישראל אלימלך ווייסמאן
ר' אהרן וואלף פאלאטשעק
ר' בצלאל באש
ר' יואל (בר"י) בערנאטה

### ביהמ"ד ברך משה
**קאמיטע**
ר' גדלי' סעגעדין
ר' חיים טורנהיים
ר' שלמה לייב וויינבערגער
ר' שמעון אהרן כ"ץ
**גבאים**
ר' יונתן בנימין האניג
ר' שלמה הערש (ברי"מ) עקשטיין

### ביהמ"ד ויואל משה
**קאמיטע**
ר' שלמה כ"ץ
ר' ישכר בער הירש
ר' משה הערש בראך
ר' חיים עלענבויגען
ר' יצחק ברוך מאנדל
**גבאים**
ר' אלי' רייזמאן
ר' ברוך פיש

### ביהמ"ד ישמח משה
**קאמיטע**
ר' יואל (בר"א) ראזענבערג
ר' מנחם ישעי' לעווי
ר' דוד ביקעל
**גבאים**
ר' יוסף יואל לעווי
ר' יום טוב לעווי

### ביהמ"ד בית דוב
**קאמיטע**
ר' יואל (ברא"י) ניימאן
ר' לייב (ברש"א) פרענקל
**גבאים**
ר' אשר יעקב עקשטיין
ר' שמעון עוזר לעווי

### ביהמ"ד בית מרדכי
**קאמיטע**
ר' אהרן שאול סאנדעל
ר' יודא כהנא

**גבאים**
ר' אברהם ישעי' ווייס
**ועד הקאווע**
ר' משה יוסף פריעדמאן

### ביהמ"ד דברי חיים
**גבאים**
ר' חיים אברהם ראזענפעלד
ר' יואל (בר"ש) פריעדמאן

### ביהמ"ד בית שמואל בנימין
**גבאים**
ר' משה יודא (ברד"ש) גאלדבערגער
ר' יואל זאבעל
ר' איתמר טובי' שווארטץ

### ביהמ"ד עטרת זקנים
**גבאים**
ר' הערשל זאבעל

### ביהמ"ד קדושת יו"ט
**גבאים**
ר' הערש לייב לאנדא
***מקוה טהרה***
ר' יעקב מיטטעלמאן
ר' שמואל זיינוויל פאלאטשעק
ר' אהרן שאול סאנדעל
ר' יצחק אייזיק פריעדמאן
ר' שמואל בראך
ר' ישראל אהרן אייזדארפער

### מצה בעקעריי
ר' דוד עקשטיין
ר' שלמה ווערצבערגער
ר' דוד שמואל גאלדבערגער
ר' משה גאלדשטיין

### גמ"ח מהרי"ט
ר' יושע ווערצבערגער
ר' משה אפרים שטיינמעטץ
ר' שמואל שמעלקא מארקוס
ר' וואלף ווירצבערגער

### מבצר הכוללים
ר' אלישע הורוויץ
ר' איתמר טובי' קויפמאן
ר' בערל שטיין
ר' שמואל זיינוויל (בר"י) כהנא
ר' שלמה הערש (ברי"מ) עקשטיין

### ביד"צ קרית יואל
ר' משה גאלדשטיין
ר' משה גאלדבערגער
ר' חיים אלעזר ווערצבערגער
ר' ישראל העניך קרויס

### ועד הכשרות
ר' חיים בעריש פילאפף
ר' מאיר סימאן
ר' שלמה זלמן וויינבערגער
ר' שמואל דוד גאנדל
ר' יושע זלמן ווערצבערגער
ר' וואלף אהרן טעללער

### בית הוראה
ר' אלימלך הכהן דייטש
ר' בנציון אליהו זאלדאן
ר' יצחק מיטעלמאן
ר' יוסף צבי בנעט
ר' יוסף מרדכי רובין
ר' יואל יצחק שטערן

### קביעות עתים לתורה שע"י התאחדות אברכים
ר' מרדכי לייב גליק
ר' יחזקאל וויינגארטן
ר' חיים קארנבלי
ר' חיים הערש גאלדבערגער
ר' יואל (ברמ"י) הירש
ר' יואל (בר"מ) בראך

### מעמבערס קאמיטע
ר' חיים קארנבלי
ר' ישעי' בנימין שפילמאן
ר' יוסף משה גלאנץ

### גמ"ח שבת אחים
ר' אברהם יושע גלאנץ
ר' וואלף ברוך ווערצבערגער
ר' אהרן דוד (בר"ש) רובינשטיין
ר' יואל (בר"מ) פאלקאוויטש

### ועד משמרת חומותינו
ר' דוד עקשטיין
ר' ליפא גראס
ר' הלל טייטלבוים
ר' מרדכי לייב גליק
ר' ברוך יודא קליין
ר' זלמן לייב קאפעל

### מעות חיטין
ר' אברהם הערש קליין
ר' יושע טעללער

### חברא קדישא
ר' מאיר ישראל גאלדבערגער
ר' דוד פריעדלענדער
ר' דוד עקשטיין, וויצע פרעזידענט
ר' אלישע הורוויץ, גבאי
ר' עקיבא וויינשטאק
ר' שלמה (ברא"ח) ווערצבערגער, גבאי
ר' יוסף ווייס, סעקרעטאר
ר' פישל פארקאש
ר' גרשון מענדל ניימאן
ר' ישראל יעקב סופר
ר' שלמה וואלף שעהנפעלד
ר' אשר יעקב עקשטיין

### חתונה תקנות
ר' יעקב אלי' רייזמאן
ר' משה הערש בראך
ר' בנציון אליהו זאלדאן
ר' שלמה לייב וויינבערגער
ר' יוסף לייב (בר"א) קויפמאן

### בית נאמן בישראל
הרה"ג ר' שמחה שלום שטיינבערגער שליט"א
ר' ישראל מנחם עקשטיין
ר' קלמן פילאפף
ר' בנציון אליהו זאלדאן
ר' מרדכי אהרן זאבעל
ר' הערשל קאהן

### מורא מקדש
ר' יעקב מיטעלמאן
ר' יעקב פארגעס
ר' ישראל פערל
ר' יעקב סעגעדין
ר' יחזקאל וויינגארטן
ר' שמואל עקשטיין
ר' שמואל לייביש וויינבערגער

### חברה משניות וחק"ס
ר' יצחק ערנפעלד
ר' אליעזר רובינשטיין
ר' דוד יודא קאהן

# קרית יואל מצה בעקעריי

בית אופה מצות שמורה

דקהל יטב לב ד'סאטמאר

קרית יואל

## ריינע ווייץ!

קיין מצומחות!

קיין מבוקעות!

## גאנצע ארבעט בלויז דורך יראים ושלמים

תושבי קרית יואל

## בעסטע קוואליטעט

# מודעה חשובה

די אלע וואס ווילן קויפן אונזער מהודר'דיגע מצות קענען קומען אין די פאלגנדע שעות

**מוצש"ק טהרה**

נייע סערוויס

12:30 - 10:00

**פר' אחרי**

**זונטאג ביז דאנערשטאג**

בייטאג: 9:00 - 5:00

ביינאכט: 8:00 - 10:00


קהל יטב לב ד'סאטמאר - קרי"ה יואל

CONG. YETEV LEV D'SATMAR - KIRYAS JOEL

16 GARFIELD RD.

MONROE, NY 10950



NON PROFIT ORG
US POSTAGE
PAID
PERMIT 70
MONSEY NY

הקולמוס | 845.425.6566